NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02683

KLEYNVARG

Felix Catovsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קליינוואַרג

פאַליק קאַטאָווסקי

קליינוואַרג

(קינדער-דערציילונגען)

☆

באַגלייט-וואָרט: צאַלעל בליץ

הילע, איניציאַלן און צייכענונגען פון יאַנקעוו מיטלער

☆

אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינט

בוענאָס איירעס 1945

PRINTED IN ARGENTINE

KLEINVARG

CUENTOS PARA NIÑOS

—de—

FELIX CATOVSKY

☆

Buenos Aires 1945

דאניעלן, מיין קליינעם זון —
פאר די שאָען, וואָס איך האָב זיך מיט אים נישט געשפילט;

נישט אויפמערקזאם געווען צו זיינע פלאפלערייען
און נישט געענטפערט אף זיינע פראגן,
צוליבן שרייבן דעם בוך —
מיט ליבשאפט, א מאטאָנע!

באַגלייט־וואָרט

דאָס וואָרט, וואָס איך שטעל אַוועק אין שפּיץ פון פּאַליק קאַטאָווסקיס בוך, האָט ניט קיין פּאָרויסלויפערישע און קיין אַריינפירערישע קאַוואָנעס. דאָס איז אַ וואָרט, וואָס איז אויסן צו באַגלייטן אַ גוטן כאַווער, וועלכער גייט אַרויס, צום ערשטן מאָל, אַפן באַרגיקן ספּיראַל־וועג פון דער אידישער ליטעראַטור. דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן אים מיטגעבן אַפן דאָזיקן האַלב־גליטשיקן וועג, איז אַ אידישלעכן „גליקלעכן שליטוועגס".

ער פּאָרט אַרויס, צום ערשטן מאָל, אַף זיין אייגענעם פּורל און אַזוי ווי ער האָט נאָך ניט קיין ליטעראַרישן פּאַטענט צוצוקלאַפּן צו זיין וואָגן, באַגלייט איך אים מיט מיין וואָרט. דאָס דאָזיקע וואָרט וויל אָבער ניט הענגען, ווי אַן אָפיציעל בלעכל אַף זיין „קליינוואַרג". עס וויל אויך ניט טריפן מיט רעצענזענטישער מעווינעס. עס איז אַ פריווויליק, שטיפערישוואָרט, וואָס וועט מאַכן אַ לייכטן שפּאַציר־אויספלוג איבער קאַטאָווסקיס בוך. דעריבער וואָלט טאַקע דאָס דאָזיקע באַגלייט־וואָרט מיינס געקאָנט אויך הייסן: „אַ רייזע איבער פּעטער פּאַליקס*) מעדינע".

.1

צוערשט פאָר איך אַריין אין אַ געגנט, וואָס טראָגט דעם קאָסמאָפּאָליטישן נאָמען „אין דער גאָרער וועלט". איך רייס פאַנאַנדער די אויגן, אָבער עפּעס לויפן מיר ניט אַנטקעגן קיין פליטערלעך און קיין פלאַטערלעך, קיין גאָלדענע סטענגעס און קיין אויסגעצאַצקעטע זייפנבלאָזן.

גיב איך אַ זאָג צו פּאַליקן:

— פּאַליק, הויב שוין אָן דעם ספּעקטאַקל און ווייז עפּעס שיינס! וואו זיינען ערגעץ די פרינצן און די באַס־מאַלקעס, די עקדישן און פּיפּערנאָטערס, די פּאַלאַצן און די קישעפמאַכער, די הייליקע שטעקעלעך און די ניסים?

גיט ער אַף מיר אַ בייזן קוק און זאָגט:

— איך האַנדל ניט מיט קיין גאָלדענעם מיסט. איך פּאַטשקע זיך ניט מיט קיין פורימשפּילערישע העלדן.

זעענדיק, אַז איך בין שיר ניט באַליידיקט, פרואווט ער זיך דערמאָנען אָן עפּעס און גיט אַ שמייכל מיט אַ האַלבער באַק:

---

*) פּעטער פּאַליק — אַ פּסעוודאָנים פון מעכאַבער פון בוך.

— איין מאָמענט, איך האָב דאָך גאָר פאַרגעסן! עפּעס דאַרף זיך דאָך באַ מיר יאָ אַרומוואַלגערן אַ שרעטעלע מיט אַ קייסערל. קוק זיי נאָר אָן.

איך קוק אָן און גיב אַ בוידעק די צוויי פּערזענלעכקייטן און די אויפרעגונג גיט מיך אַזש אַ הויב:

— פאַליק, זאָג איך, וואָס האָסטו געמאַכט פונעם פליסיקן שרעטעלע? ווייסט ניט, אַז אַ שרעטעלע באַזיצט אַ קאָפּ בלויז אַף דעם קעדיי צו האָבן אַף וואָס אָנצוטאָן זיין שפּיציק מיצעלע? צום סאָף נעמסטו און דו טוסט אַריין אין דאָזיקן מיצעלע-קעפּל אַזוינע פילאָזאָפיש-רעוואָלוציאָנערע געדאַנקעלעך. מאַכסט דאָך אים אומגליקלעך! דאָס דאָזיקע שרעטעלע וועט דאָך ענדיקן הינטער די קראַטעס. נו און מיטן קייסער, וואָס האָסטו, גאַזלען איינער, געטאָן? אַז אָך און ווי צו זיין טראָן, צו זיין מאַיעסטעט און צו זיין וואוילגעבוירענעם דורכלויכט. טאָמער האָסטו אין דיין מעדינע „קליינוואַרג" איין אייניציקן פּאַריאָסעמטן, אויסגעשטאָפּטן קייסערל, קוועטשסטו אים נאָך אויס ווי אַ ציטרין און מאַכסט פון אים קליאַטשע.

פאַליק בלייבט קאַלט און גיט אַ מורמל: „איך בין ניט קיין מאָנאַרכיסט". און אַפן אויער גיט ער מיר אַ שעפּטשע: „איך בין אַפילע אַ שטיקל מוירעד בעמאַלכעס"...

זעענדיק, אַז איך וויל שטעלן פיס, פירט ער מיך אַריין, אַרום האַלבער נאַכט, אין אַ שוסטער-וואַרשטאַט און ערשט דאָרטן האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס פאַליקס מעדינע איז.

דער שוסטער בלענדט די אויגן איבערן געווירס אַ פּאָר נאַסע שטיוול און די קינדערלעך זיינע מוז מען, לויט אַוראָס רייזענס געניאַלער דערפינדונג, צונויפלעכטן דרייאיקוויז, קעדיי מיט זיי אויסצופילן די בעטלעך פון טאַטן און מאַמען.

די שטוב איז אָבער פול מיט געזאַנג. ניטאָ קיין שרעטלדיקע ספּייקעס און קיין קייסערלעכע מאָרע-שכוירע. עס טראָגט זיך דער הימען פון נויט, פון אַרבעט און פון האָפענונג: „העמערל, העמערל, קלאַפּ".

זאָג איך: „פאַליק, וואָס איז אַף זיי די סימכע?"

פאַליק שיינט:

— דאָס זיינען די בירגער פון מיין מעדינע. פאַר זיי — מיין האַרץ און מיין וואָרט. היינט איז מ י י ן מעדינע זייערע, מאָרגן — אַלע מעדינעס פון דער וועלט!

מיר לויפן דורך גיך דורך אַ קוזשניע, וואָס איז פול מיט פונקען און מיט הונגעריקע שוואַרצאַפּלען און מיר קומען אָן צו אַ וואַסער. דוכט זיך ס'איז אַ טייך, אָבער ס'איז מער אַ ווייטיק ווי אַ טייך. ס'איז דער פּרעכטיקער דניעסטער, וואָס מען האָט אים מיט געוואַלט געצוואונגען צו זיין אַ גרענעץ.

פאַליק ווערט אומעטיק. דאָס דאָזיקע וואַסער האָט פאַנאַנדערגעריסן

צוויי פֿון זײַנע קליינע בירגערלעך. „איך גאַראַנטיר דיר, זאָגט ער מיר, אַז גאָר אינגיכן וועלן די טײַכן זײַן אַזוי ווי זילבערנע פֿעדים, וואָס וועלן צונויפֿנייען לאַנד מיט לאַנד און ניט פֿאַנאַנדערייסן זיי. טײַכן וועלן זײַן ליבע־שטעך צווישן פֿעלקער און ניט קיין פּליסיקע סינע־פּאַסן".

2.

פֿון „אין גאָר דער וועלט" פֿאָר איך אַרײַן אין דער גרויסער פּרייליעבער פּראָווינץ, וואָס הייסט „אונדזער קליינוואַרג".

אַ געפּילדער פּאַרפּלייצט מײַנע אויערן. עס לויפֿן מיר אַנטקעגן: לייבעלעך און קרײַנדעלעך, אַוורעמעלעך און סאָרעלעך, הערשעלעך און שיינדעלעך. איך גלעט אַ יאַם מיט זײַדענע אידישע קעפּעלעך און שפּיגל זיך אין הונדערטער ליכטיקע אייגעלעך. איידער איך באַוויז אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, כאַפּ איך מיט אַ פֿוטבאָל־פּילקע אין נאָז. איך טשוכע זיך אויס, ערשט סאָרעלע דרייט שוין דעם ראַדיאָ און שרייט: „טאַטע, גיכער, עס רעדט די מילכאָמע"; שיינדעלע קריכט אַרויף אַפֿן טאַטן און „סע הויבט זיך אָן דער זונטיק"; לייבל האַקט מיר אַ טשייניק וועגן געאָגראַפֿיע, ער וויל איך זאָל אויסהערן זײַן טיפֿזיניקע מיינונג וועגן די לענדער שטיוואַליע און בייטשלאַנד; אַ קליין רויט אינגעלע שלעפּט מיך אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, אַף דער לעוואַיע פֿון העלפֿאַנט דאַליאַ און אַ הינטל „נאַכעס" וויל מיך צערייסן ווי אַ הערינג.

פֿאַליק לויפֿט אָן אַ פֿאַרויטלטער און שלעפּט מיך אַרויס פֿון צעשטורעמטן קינדער־וויכער. ער זאָגט מיר פֿייערלעך: „שאָלעם אַליכעם וואַרט אַף אונדז". עס האָט זיך מיר קיינמאָל ניט געכאָלעמט, אַז כ'וועל זיך באַגעגענען מיט שאָלעם אַליכעמען אין פֿאַליקס מעדינע, אָבער קאָלעגע שאָלעם אַליכעם איז שוין לעבן אונדז און לייגט אַרויף אַף אונדזערע פּלייצעס זײַנע צאַרטע הענט:

— וואָס מאַכט איר עפּעס, כאַוויירים צוציקעס? איך האָב געהערט, אַז איר ליגט אין דר'ערד און באַקט בייגל. איך בעט אײַך, לייקנט עס מיר אָפּ, וועל איך גלײַך זאָגן: לוי פּידאַלטי, האָב איך ניט געפּידלט...

— יאָ, זאָג איך, מיר זײַנען געלעגן און מיר זײַנען שוין אפילע געזעסן אויך...

שאָלעם אַליכעם ווערט ערנסט. איך זאָג אים אָבער:

— לאָמיר ריידן וועגן פֿריילעכערע זאַכן. אָט‏אָ, פֿאַליק, אונדזער קאָלעגע, האָט זיך פֿאַרמאָסטן אַרײַנצוגיין, דורך דער פּאַראַד־טיר, אין הייכל פֿון אומשטערבלעכקייט. אָטאָ האַלט ער דעם בילעט אין האַנט.

שאָלעם אַליכעם גיט אַ קוק אַפֿן בוך „קליינוואַרג". גיט אַ קניפּ פֿאַליקן אין באַק:

— מאָלאָדיעץ! דער עלטער־זיידע רעב מענדעלע, וואָס איז מיט אַ יאָר און מיט אַ מיטוואָך עלטער פֿון אונדז ביידן, וועט דיך פֿאַרהערן און

איך בין זיכער, אז דו וועסט שטייגן ווי אף הייוון. יא, זאגט ער, איקער שאכאכטי, א גרוס אייך פון מאטל פייסים, פון געצל גויעצלען און פון טאפעלע טוטוריטו.

— וואו זיינען זיי ערגעץ? — פרעגן מיר ביידע.

— זיי זיצן אין בערלין און רייבן א מארדע יעקע־גאנעוו...

איך צעקוש זיך מיט שאלעם אליכעמען און מיר צעפארן זיך אין פארשידענע ריכטונגען.

.3

פון דארטן פאר איך אריין אף א שנעלער אינספעקציע אין פאליקס שולן.

עס לויפט מיר אנטקעגן א אינגעלע „מיקראב" און א „לאקש" און א „בעמפיק". א מיידעלע כאנעלע קוויטשעט מיר אריין אין אויער א מע־סירע אף איר לערער: אזוי און אזוי, ער יאכלט ניט קיין אידיש. א אינ־געלע מיט א צונאמען „כעלעמער" האט אויך פאריבל אף זיין לערער.

איך רוף צו שטרענג פאליקן און זאג אים מיט א קוויטש פון אן אינספעקטאר:

— פאליק, וואס פאסירט דא מיט דיין לערער־פערסאנאל?

ער שווייגט. „ווי איך זע, זאג איך, האסטו זיך מיט שולן באר קינ־דער באזארגט, אבער מיט שולן פאר לערער ניט. וועסט מיר גלייך נעמען און שאפן א לערער־סעמינאר, ווייל דער ניוואָ פון דער פאלקס־בילדונג אין דיין מעלוכע איז נידעריקער פון דער נארמאלער הויך".

פאליק נעמט זיך איבער מיט מיינע אינטעליגענטע ווערטער און שווערט זיך, אז אים פייניקט אויך זיין פעדאגאגישער געוויסן.

איך האב שוין געוואלט נעמען אפן צימבל די לערער, ערשט „מיק־ראב" מיט כאנעלען טראגן מיר צו א בוקעט בלומען פון שול־גארטן. מיין קאס פארגייט. איך צייל אריין אינעם קליינוואָרג א צענדליק קושן און לאז זיך אוועק דורכמאכן מיין לעצטן רייזע־עטאפ „אין שווערע צייטן".

.4

די געגנט „אין שווערע צייטן" איז די אומעטיקסטע אין פאליקס מעדינע. זי באשטייט פון א פעניצל שפאניע, פון א פיצעלע דייטשלאנד, פון א ברעקעלע רוסלאנד, פון א שטיקעלע בעסאראביע.

מיט אן אנגעזאלצענעם געמיט פאר איך דורך שנעל די דאזיקע געגנט און מאך פאליקן דעם ריכטיקן סקאנדאל:

— סטייטש, זאג איך, דו סאדיסט, דו קינדער־פייניקער, דו יערא־וואם בען נעוואט! נעמסט אזא מין ליכטיקן אינגעלע ווי כאימל און מאכסט פון זיין טאטן א קאליקע; נעמסט אזא מין וואוילן שפאניערל ווי באקיטא און לאזט אף אים פאלן די פאשיסטישע באמבעס; נעמסט

אַזאַ מין דערשראָקן אינגעלע ווי עבֿראָימל און אין איין אויער זינגסטו אים אַריין די האָרסט-וועסעל-ליד און אין אַנדערן אויער יאָגסטו אים אַריין דעם געבראַזג פון אידישע שויבן. צום סאָף נעמסטו אַזאַ מין איידעלן קינד ווי לייבעלען און דו מאַכסט פון אים אַ פּאַרטיזאַנער; שיקסט אים אַרויס אין מיטן נאַכט, אין אַ זאַווערוכע, אַף אַ זיכערן טויט.

אין פּאַליקן בייטן זיך די קאָלירן. צום סאָף ווערט ער בלייך און גייט אַרויס פון די קיילים:

— מיך, שרייט ער, ביסטו כווישעד אין קינדער-מאָרד? מיך, וואָס מיין האַרץ איז צעפּיצלט געוואָרן, ווי מיט אַ האַקמעסער, צוליב מיינע אומגליקלעכע בירגערלעך? מיך, וואָס איך פיל טאָג און נאַכט דעם ביטערן טאַם פון קינדער-בלוט אַף מיין גומען? מיך, וואָס אַז איך לייג זיך אַפילע שלאָפן, דוכט זיך מיר, אַז די אויגן מיינע קלעפּן מיר זיך צונויף מיט בלוט? אַן אומעכטיקער האָב איך זיך געדאַרפט צוקוקן, ווי די פאַשיסטישע עקדישן און פּיפּערנאָטערס האָבן צעריסן און פּאַרטיליקט די דאָזיקע קינדערלעך און איך האָב ניט געקאָנט, ווינד און וויי איז צו מיר, באַשיצן און באַשירעמען די דאָזיקע שעפעלעך. די דאָזיקע קינדערלעך האָבן, אָבער, אַליין געביילט זייערע ווייכביינדלדיקע פויסטעלעך. די קינדערשע שרעק איז דורך נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קינדערשער העלדישקייט, און דערפאַר האָב איך, מיט צאָרן און מיט ליבע, געשטעלט אַ דענקמאָל דער דאָזיקער קינדער-מאַרטיראָלאָגיע, אַף דער טעריטאָריע פון „קליינוואַרג”. דער ניט-אָנזעעוודיקער, קינדערשער בלוט-בונד צווישן פּאַקיטאָן און לייבעלען וועט מאָרגן ראַטעווען די וועלט.

פּאַליקס אויגן ווערן פייכט. איך נעם אים אַרום און יעדער איינער פון אונדז באַמיט זיך, אַז דער צווייטער זאָל ניט באַמערקן זיינע טרערן.

.5

מיין רייזע איז געענדיקט. איך פּרואוו זיך מאַכן טאַמעוואַטע, צום לעצטן מאָל, און זאָג צו פּאַליקן:

— אָט דאָס איז, פּאַליק, דיין גאַנץ „קליינוואַרג”? איך האָב געמיינט, אַז איך וועל הערן פון דיר עפּעס לייטישע, געמיטלעכע מייסעלעך, וואָס הויבן זיך אָן מיט „אַמאָל איז געווען” און ענדיקן זיך מיט „אַ שטעקעלע אַריין, אַ שטעקעלע אַרויס, די מייסע איז אויס”...

פּאַליק צינדט זיך אָן:

— מיינע מייסעלעך זיינען ניט קיין אַמאָליקע, ניט קיין אויסגעפאַנטאַזירטע, ניט קיין ווייטע און ניט קיין נעכטיקע אַפילע, און אַז זיי ענדיקן זיך, איז „די מייסע ניט אויס”, נאָר זיי בלייבן לעבן אינעם לעבן אַליין. עס וויטיקט אין זיי דער איצט און עס טריפן אין זיי די גראָע טראָפּנס פון טאָג-טעגלעכן לעבן.

איך שטעל אויס אַף פּאַליקן אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן:

— איך פאַרשטיי ניט, ווי אַזוי די דאָזיקע לעבנס־גראָקייט מאַכט דיך אַזוי פּאַטעטיש. ווייסט ניט, צו אַלדי גוטע יאָר, וואָס יוגנט, וואָס קינדהייט איז? האָסט קיינמאָל ניט געלייענט די מייסעלעך פון אַנדערסען, פון די ברידער גרים און אַפילע פון קאָנסטאַנסיאַ וויכיל? האָסט קיינמאָל ניט געזען אַפן קינאָ־עקראַן, ווי שווירלי טעמפּל אָדער דזשעקי קאָגאַן צויבערן אוים די קינדהייט? האָסט ניט געלייענט טאָלסטאָיס „מיין קינדהייט"? אָ, קינדהייט! אָ, גליקלעכע, זוניקע, אומפאַרגעסלעכע קינדער־יאָרן!

— אַך ווי וואויל און ווי ליריש דו דאַרשנסט, זאָגט פאַליק. נו און גאָרקי האָט אויך אַזוי סענטימענטאַל דעקלאַמירט וועגן זיין קינדהייט? און מענדעלע, און לינעצקי און אַפילע פּענעק? איך האָב פיינט צו קוקן אַפן אויבערשטן באַגילדעטן פּאַפּירעלע, איך בין געוואוינט אַ קוק צו טאָן אונטערן פּאַפּירעלע... די פּראַקטיק ווייזט, אַז וואָס מער גאָלד פון אויבן, אַלץ מער שמוץ פון אונטן...

— נו, זאָג איך, און וואָס איז עפּעס מיט מוסער־האַסקל? אַ מייסעלע דאַרף דאָך עפּעס האָבן אַ שטיקעלע מאָראַל, קעדיי דאָס קינד וואָס הערט עס זאָל ווערן גוט און פרום, געהאָרכזאַם, דאַנקבאַר, פלייסיק.

פון אומגעדולד פאַרלירט פאַליק זיין פאָלקס־שפּראַך און נעמט ריידן ווי אַ פּראָפעסאָר:

— אָנשטאָט דעם קלאַסישן, פאַרעוון מוסער־האַסקל פון אַבסטראַקטע גוטע מידעס, רוק איך אַרויס אַ קאָנקרעטן געזעלשאַפטלעכן פּאָסטולאַט, וואָס לויכט זיך דורך, קינדעריש־פּרימיטיוו, דורכן קאָנטראַסט פון דעם וואָס עס וואָלט באַדאַרפט זיין, אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס עס איז. די מאָראַל פון מיינע מייסעלעך איז ניט קיין אַבסטראַקט־עטישע, נאָר אַן אַקטועל־לעבעדיקע און דערפאַר טאַקע איז זי, אין אַ געוויסער מאָס (דערשרעק זיך ניט פאַרן אויסדרוק) אַ סאָציאַל־פּאָליטישע.

הערנדיק, אַז פאַליק נעמט מיר דאָ ריידן אַף טערקיש, גיב איך אים אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— גוט, ברודערקע, האָסט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. דיין מעדינע פאַרכאַפּט אַן אויג, עס איז קימאַט ווי אַן אימפּעריע און אויסער דעם...

פּאַליק גיט זיך אַ כאַפּ:

— האַלט, האַלט! ניט קיין אימפּעריע, נאָר אַ פרייע רעפּובליק!

ניט האָבנדיק מער קיין קויעך צו קעמפן מיט פאַליקן, געזעגן איך זיך מיט אים און יעדער איינער פון אונדז שענקט אַוועק דעם צווייטן זיין שענסטן, טיפזיניקסטן שמייכל.

צאַלעל בליץ

אין דער גאָרער וועלט

דעם שרעטעלעס כאָלעם

וווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן שאַריען אַף טאָג, איז שוין דאָס שרעטעלע ליל געלעגן אין זיין בעטל, וואָס איז גרויס ווי א קינדערש שפּילצייג. פון אונטער דער קאָלדרע האָט מען נאָר ארויסגע־זען זיין לאַנגע שפּיצעכיקע באָרד און א פּאָר גרויסע, קלוגע אויגן. אַף א שטול, לעבן בעטל, זיינען זאָרגפעלטיק געווען צונויפגעלייגט זיינע קאָלירטע קליידער. און אַף די קליידער — דאָס רויטע שפּיצעכיקע מיצל.

ליל האָט געפילט א מידקייט אין אלע איווורים. דער קערפּער איז אים געווען שווער ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. עפּעס א קלייניקייט, וויפל ארבעטן ער האָט אָפּגעטאָן אין מעשעך פון דער נאכט! וויפל גערטנער צעגראָבן, וויפל בלומען באגאָסן, וויפל קליידער אויפגע־נייט און וויפל פּאָר שיך געמאכט!

איצט פילט שרעטעלע ליל א ווייטיק אין א פינגער. דאָס האָט ער זיך אזוי צעשטאָכן מיט דער נאָדל, ווען ער האָט זיך געאיילט ארויסענדיקן א קלייד. געאיילט האָט ער זיך, ווייל אַפן הימל האָבן זיך די שטערן געבלייכט און די הענער האָבן שוין מיט זייער קרייען געוועקט דעם טאָג.

מיד און צעבראָכן ווי ער איז, טראַכט ער: „צוליב וואָס און צוליב וועמען אַרבעט איך דאָס גאַנצע לעבן? וויפל קליידער האָב איך שוין אויפגעניצט און אַליין טראָג איך שטענדיק די זעלבע אַר־בעטס־קליידער...״

אַזעלכע מאָדנע געדאַנקען קריכן לעצטנס לילן אין קאָפּ אַריין. ער האָט עס שוין אַפילו איינמאָל געזאָגט זיין עלטערן ברודער פּו, האָט יענער אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרכידעשטע אויגן:

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ רייד, ברודער ליל? עס פּאַסט גאָר־נישט פאַר אונדזערס איינעם אַזוי צו ריידן. אַ שרעטעלע דאַרף זיין גוט און אַרבעטזאַם. שוין טויזנטער יאָרן אַרבעטן מיר, שרעטעלעך, פאַר די מענטשן און קיינער פרעגט ניט אָפּ פאַרוואָס. אַזוי איז שוין די וועלט. איינע אַרבעטן און די אַנדערע געניסן פון דער אַרבעט.

פאַרן שרעטעלע ליל איז דאָס נאָך געווען ווייניק, האָט ער ווייטער געפרעגט:

— אָבער ווער האָט עס אַזוי איינגעפירט? פאַרוואָס קען נישט זיין אַנדערש?

זיין עלטערער ברודער פּו האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַ טיפן זיפץ געטאָן:

— אַ שרעטעלע זאָל גאָר אַזוי ריידן!

אויך איצט טראַכט ליל וועגן דעם. קיין סאַך האָט ער, אָבער, נישט באַוויזן אויסצוטראַכטן. די מידקייט האָט אים באַזיגט און ער איז איינגעשלאָפן.

איינגעשלאָפן, האָט זיך אים געכאָלעמט, אַז ער איז גרויס. ער איז גאָר קאָפּל שוסטער. ער דאַרף נאָך מאַכן אַ פּאָר שיך, נאָר אַ פינגער, וואָס ער האָט פאַרשטאָכן מיט דער אָל, טוט אים ווי און ער פילט זיך אויך צו אַרבעטן. איז די גלייכסטע זאַך זיך מאַכן קלוימערשט, אַז ער שלאָפט. ער ווייסט, אַז ווען ער וועט זיך נאָר

צולייגן, וועלן קומען די שרעטעלעך און אָפּטאָן פאַר אים די אַרבעט.
און אַזוי געשעט טאַקע.

ווי נאָר דאָס שרעטעלע ליל, (וואָס איז איצט קאַפּל דער שוסטער) מאַכט צו די אויגן, באַווייזן זיך די שרעטעלעך און הויבן אָן פלייסיק צו אַרבעטן. דאָס שרעטעלע ליל עפנט אַביסעלע די אויגן, אָט זעט ער ווי זיין עלטערער ברודער פּו קלאַפּט פלינק די טשוועקלעך אין דער זויל, אָט זעט ער ווי שרעטעלע ען נייט מיט אָל און נאָדל.

דאָס שרעטעלע ליל (וואָס איז איצט קאַפּל דער שוסטער), קוקט די גאַנצע צייט דורך אַ קליין שפּעלטעלע פון זיין אויג. און ווען די שרעטעלעך פאַרענדיקן די אַרבעט און פאַרשווינדן, שטייט ער אויף, טוט אָן די גרויסע שטיוול און לאָזט זיך גיין. ער שפּאַנט איבער הייזער, איבער גערטנער, אַזעלכע גרויסע שפּאַן מאַכט ער! מיט אַ פּאָר שפּאַן איז ער שוין אין וואַלד און שפּרייזט איבערביימער, די ביימער גרייכן אים ביז די קני.

מיטאַמאָל דערפילט שרעטעלע ליל, ווי זיין האַנט האָט זיך ערגעץ פאַרטשעפּעט. ער וויל זי באַפרייען, ווערט דער דרוק נאָך שטאַרקער און ער הערט ווי עמיצער רופט אים:

— ברודער ליל, ס'איז שוין שפּעט. ברודער ליל, די שטערן האָבן שוין באַצירט דעם הימל. דער וועג איז נאָך ווייט. אַלע שרעטעלעך זיינען שוין גרייט אין וועג אַריין. ברודער ליל, שטיי אויף!...

ווען דאָס שרעטעלע ליל האָט געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען לעבן זיין קליין בעטל דעם עלטערן ברודער פּו, וואָס האָט אים געוועקט. און ווען ער האָט זיך שוין געהאַלטן אין אָנטאָן די קאָלירטע קליידער, האָט ער נאָך געהערט ווי זיין ברודער פּו זיפצט:

— גאָרנישט ווי קיין שרעטעלע!

דערנאָך האָבן, אין דער געדיכטער פינצטערניש פון דעם וואלד, געשפאנט אין א ריי די שרעטעלעך, באלאָדענע מיט האמער און רידל. דער ווינט האָט פארטראָגן זייער געזאנג און עס צעשפרייט צווישן די ביימער.

דער לעצטער אין ריי האָט געשפאנט דאָס שרעטעלע ליל. ער האָט ניט מיטגעזונגען, נאָר געגאנגען פארטראכט אין געדאנקען, וואָס פאסן גאָרנישט פאר קיין שרעטעלע:

— פארוואָס זיינען דאָ אזעלכע, וואָס ארבעטן און אנדערע געניסן פון זייער ארבעט? פארוואָס ארבעטן די קליינע שרעטעלעך פאר די מענטשן? קען דען נישט זיין אנדערש?...



די גרענעץ

איבער נאכט איז דאָס געשען!

ערשט נעכטן באַטאָג האָבן זיך די צוויי כאַ־ווײרים כאימל און שלוימעלע געזעגנט נאָענט פֿון דעם טײך.

— אַף ווידערזען!

— ביז מאָרגן!

לויפנדיק איבער דער בריק האָט זיך שלוימעלע דערמאָנט, אַז ער האָט פאַרגעסן זײַן בלײַער בא כאימלען אין דערהיים. ער האָט שוין, אָבער, ניט געוואָלט גיין צוריק: מאָרגן, ווען ער וועט גיין אין שול, וועט ער נעמען דעם בלײַער מיט... כאימלען.

אַזוי האָט ער געטראַכט און ס'איז אים גאָרנישט אײַנגעפאַלן, אַז היינט וועט ער שוין נישט קענען קומען אין שול, נישט קענען זען זײַן בעסטן כאַווער כאימל און — שוין נישט קריגן צוריק דעם בלײַער...

:: :: ::

דאָס שטעטל, וואו סע האָבן געוואוינט כאימל מיט שלוימעלען איז נישט קיין גרויס. איר וועט עס אומזיסט זוכן אַף וועלכער ס'איז לאַנדקאַרטע, צי אין וועלכער עס איז געאָגראַפיע. עס איז אַזוי נישט גרויס, אַז מען באַגייט זיך דאָרט אָן טראַמווייען, צי אַנדערע נויטיקע פאַרקער־מיטלען, אָן וועלכע אַ גרעסערע שטאָט קען זיך נישט

באגיין און האָט נישט מערער ווי איין שול. עמעס, א גרויסע און באקוועמע שול. קיין באן גייט דאָרטן נישט פארביי. מען קען דאָרט, אין דעם שטעטל, טרעפן עלטערע מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין באן נישט געזען. נאָר ערגעץ פונוויטנס, ערגעץ צווישן די בערג, וואָס שניידן זיך אין די וואָלקנס אריין, זעט מען יעדן באטאָג א לויפנדיקן רויך. דאָס, זאָגט מען, איז פון דורכלויפנדיקן צוג. א סאַך מענטשן פון שטעטל שטעלן דאָן אָן די זייגערס, ווייל עס טרעפט יעדן טאָג אין דער זעלבער שאָ.

אינמיטן שטעטל לויפט דורך א טייך, וואָס צעטיילט ס'שטעטל אף צוויי טיילן. אף א „יענע זייט" און „די זייט", אָדער — די „מיל-גאס" און „שול-גאס".

לויט די נעמען פון די גאסן, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, אז אין איין גאס, וואָס אף איין ברעג, געפינט זיך די מיל, וואו די איינוואוינער פון שטעטל צעמאָלן זייער ווייץ, קאָרן. די, וואָס וואוינען פון יענער זייט טייך, אין דער „שול-גאס" פירן אריבער זייער ווייץ מיט א פאראָם, וואָס שיפט זיך אָן אויפהער הין און צוריק, פון ברעג צו ברעג. און ווינטער — מיט שליטנס איבערן פארפראָרענעם טייך.

אף דעם צווייטן ברעג, אין „שול-גאס" געפינט זיך די איינציקע שול, וואָס מען זעט קוים ארויס פון דעם געדיכטן גאָרטן. אין דער שול לערנען אלע קינדער פון שטעטל.

די הויפט-פארוויילונג פון די קינדער איז דער טייך: אין די זומערדיקע טעג און פארנאכטן פליוסקען זיך כעוורע ווי די קאטשקעס אין טייך און באווייזן קונצן. און ווינטער — דעריקער איז ווינטער! — ווען דער טייך ווערט פארפראָרן און עס ווערט פארווישט יעדער סימען, וואו סע הויבט זיך אָן און וואו סע ענדיקט זיך טייך; ווען אלץ איז באדעקט מיט א ווייסן צודעק פון פוכיקן שניי, דעמאָלט איז גאָר א לעבן! כעוורע רייבן אוים די זוילן פון די ווינטערדיקע שטיוול און מען גליטשט זיך גאנצע טעג, מיט איין גליטש

איז מען אפן צווייטן ברעג — אין שול. און דאָס זעלבע — פון דער שול צוריק.

שיקן מאמעס זייערע קינדער פון איין גאס אין דער צווייטער באָרגן א קיילע, איינקויפן; באַלמעלאָכעס — לייען ארבעטס-געצייג. אז ס'איז נישט מער ווי א שפּאַן:

אזא איז געווען דאָס שטעטל וואו סע האָבן געוואוינט די צוויי כאַווײרים כאימל און שלוימעלע. און כאָטש זיי האָבן ניט געוואוינט אין איין גאס, — כאימל האָט געוואוינט אין דער „שול-גאס" און שלוימעלע — אין דער „מיל-גאס" — האָבן זיי זיך שטענדיק געכאַ-ווערט, זיך געהאלטן אינײנעם, צוזאמען געמאכט די אויפגאבן. אזוי ווייט, אז מען האָט זיי א נאָמען געגעבן „דאָס פּאָר פּאָלק".

אזוי שטענדיק און אזוי אויך יענעם באַטאָג, ווען זיי האָבן זיך געזעגנט „ביז מאָרגן".

אָבער אָפ מאָרגן איז שלוימעלע נישט געקומען צו זיין כאַווער, ניט געקומען אין שול, שוין נישט באקומען צוריק דעם פארגעסענעם בלייער, ווייל סע איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס:

דער פּראָם איז געווען ארויפגעשלעפּט אפן ברעג. די בריק-לעך — צעבראָכן. און אָפ ביידע ברעגן פון טייך האָבן שטרענג מארשירט הין און צוריק באוואָפנטע זעלנער, וואָס האָבן נישט גע-לאָזט זיך דערנענטערן צום טייך. שוין אָפּגערעדט פון איבערשיפן זיך! — ווייל פון היינט אָן און ווייטער איז דער טייך שוין נישט קיין געוויינלעכער פארקער-מיטל און פארוויילונג, נאָר—א גרענעץ. א גרענעץ וואָס דערווייטערט און צעטיילט ביידע גאסן אָפ צוויי באזונדערע שטעטלעך, וואָס געהערן צו צוויי פיינטלעכע לענדער.

:: :: ::

גרוים און ליידיק איז געבליבן די שול. א העלפט פון אירע באזוכער, די קליינע לוסטיקע כעוורע, דרייען זיך ארום אפן צווייטן

ברעג און בענקען נאָך זייערע שול-כאַווירים און נאָך זייערע לערער, מיט וועלכע זיי זיינען געווען אזוי צונויפגעלעבט.

שטיל און פוסט איז די מיל, ווייל אָפּגעשניטן זיינען געוואָרן די וועגן, וואָס האָבן צו איר געפירט ווייץ פון די ארומיקע דערפער.

קוקן מענטשן פון איין ברעג צום צווייטן, בענקען נאָך זייערע נאָענטע, אייגענע, וואָס זיינען דאָרט געבליבן. קרעמערס, באַלמע־לאָכעס — נאָך פּארנאָסע, ארבעט, וואָס איז אָפּגעשניטן געוואָרן.

און די צוויי כאַווירים, כאַימל און שלוימעלע, בענקען איינער נאָכן צווייטן. דערמאָנען זיך ווי זיי האָבן זיך צוזאַמען געשפּילט, געמאַכט די אויפגאַבן.

און כאַימל היט אָפּ שלוימעלעס בלייער:

עפּשער וועט זיך אמאָל ענדערן און שלוימעלע וועט ווידער אמאָל קומען זיך צוזאַמען שפּילן, צוזאַמען לערנען.

— עפּשער?



דער שוסטער בא זיין אַרבעט

געשריבן אין 1936,
צו אווראָם רייזנס
פופציקסטן געבוירנטאָג.

ווינטער. דאָס גאַנצע שטעטל איז איינגעהילט אין שטאָק-פינצטערניש, וואָס ווערט נאָך שווארצער דורך דער בלאָטע, וואָס האָט זיך צעלייגט אף אלץ. אף די ווענט אפילע.

סע איז שוין היפש שפעט. אינערגעץ זעט מען שוין נישט קיין ליכט כוין אין שטיבל, וואו סע וואוינט הערשל שוסטער, פונוואנעט סע שיינט ארויס א שוואכע שיין.

אינעווייניק, באם שוסטער-ווארשטאט, קלאפט הערשל שוסטער אויס אפן „אייזן" א האלבע זויל, וואָס ער דארף מאכן נאָך היינט פאר עליע ־עם וואלד-סויכער, וואָס פאָרט אינדערפרי אוועק אין וואלד אריין.

די שטיוול, וואָס עליע דער וואלד-סויכער האָט געבראכט מיט דער גאנצער ל׳ימיקער בלאָטע, האָט הערשלס זונדל אָפגערייניקט און איצט טריקענען זיי זיך בא דער הרובע און לאָזן ארויס א פארע.

אפן אקעגניבערדיקן דרייפיסיקן הילצערנעם בענקעלע זיצט מוישעלע און גלייכט אויס אפן „אייזן" אויסגעקרומטע טשוועקלעך, און אפן פענצטער זיצט שמיליק און מאכט די שול-אויפגאבן.

עסטער, הערשלס ווייב, וואָס האָט דעם גאנצן אפדערנאכט געלאטעט די קינדערישע הייזעלעך, האָט געמוזט אוועקלייגן די ארבעט, ווייל סע שווינדלט איר אין די אויגן און אויך, ווייל זי האָט נישט געקענט צוקוקן ווי סאָרקע מיטביילען זיינען אנטשלאָפן געוואָרן זיצנדיק און איז זיי געגאנגען מאכן ס׳געלעגער. זי האָט זיך אָבער נישט געקענט קיין אייצע געבן, וואו זיי צו לייגן, סע זאָל זיין בעסער.

— הערשל,— שרייט זי ארויס פון צווייטן צימער — וואו זאָל איך זיי „באלייגן", די קינדער?

— לייג סאָרען מיט ביילען בא מיר אין בעט, איך זע, אז בא די נאסע שטיוול וועל איך די נאכט שוין פארשפאָרן צו שלאָפן.

און קעדיי זיך אויפצומונטערן און נישט ווערן שלעפעריק, האָט הערשל שוסטער זיך אָפגערופן צו שמיליקן:

— לייען מיר עפּעס, שמיליק, פון דיין ביכל, וועל איך פארגעסן אין שלאָף.

שמיליק, וואָס האָט ליב צו לייענען פאר זיין טאטן, — פונקט ווי זיין טאטע האָט ליב אים צו הערן לייענען, — האָט געבלעטערט דאָס ביכל, ביז ער האָט געפונען.

— איך וועל דיר לייענען, טאטע, א שיין לידעלע, וואָס איך דארף אויסלערנען אף מאָרגן. סע הייסט: „א געזינד זאלבע אכט", פון אווראָם רייזען.

און שמיליקס קלינגענדיקער קאָל האָט אָנגעהויבן:

„א געזינד זאלבע אכט
און בעטן נאָר צוויי.
עס קומט אָן די נאכט,
וואו שלאָפן דאָן זיי?

דריי מיטן טאטן,
דריי מיט דער מאמען,
העגטלעך און פיסלעך
געפלאָכטן צוזאמען...״

— עסטער, קום נאָר אהער, וועסטו עפּעס הערן שיינס — האָט הערשל שוסטער איבערגעשלאָגן ס׳לייענען.

עסטער, ס׳הויב זיינס, איז געקומען צולויפן אין איילעניש, און ווען זי האָט דערהערט וועגן וואָס סע האנדלט זיך, וועגן עפּעס א לידל, וואָס איז איר מאן געפעלן, איז זי בייז געוואָרן.

— קוק אים נאָר אָן, מיט וואָס ער פרייט זיך, דער אלטער, בעסער וואָלסטו זיך געגאנגען צולייגן אביסל און פארטאָג וועסטו אויפשטיין און נאָך לייגן די זוילן.

— אָבער הער אוים, דו נארישע אידענע, דו האָסט דאָך מיך ערשט געפרעגט וואו דו זאָלסט לייגן די קינדער. הער־זשע אוים, וואָס סע שרייבט זיך אין זיין ביכל. לייען, שמוליק!

„א געזינד זאלבע אכט,
און בעטן נאָר צוויי...

— פונוואנען ווייסט ער, דער שרייבער, אז סע איז נישטאָ וואו צו לייגן די כעווריע, סיידן בא אים איז אויך פונקט אזוי ענג.

— דו ביסט דען א מיוון, עסטער, ווי קלוג דער שרייבער שרייבט — „דריי מיטן טאטן, דריי מיט דער מאמען...״ דער כעזשבן איז גוט, אָבער נישט באקוועם. זיי נעמען דאָך ארוים די קישקעס פון בויך, באנאכט קלאפן זיי מיט די פיס פון שלאָף, אז איך שטיי אויף א צעבראָכענער, נאָך מידער ווי זיך געלייגט.

שמוליק האָט עטלעכע מאָל געמוזט דורכלייענען ס׳לידל. דער־נאָך, איידער הערשל שוסטער האָט גענומען אויפלייגן די זוילן, האָט ער אליין גענומען ס׳ביכל, עס אוועקגעלייגט אפן „אָפּצי־ברעטל״,

לאַנג אַריינגעקוקט, דערנאָך געלייענט אויפן קאָל און זיך געקוויקט מיט יעדן וואָרט.

:: :: ::

אין א טאָג האָט שמיליק געבראַכט פון דער שול נאָך א לידל פון דעם זעלבן שרייבער. א לידל, וואָס דער לערער האָט מיט זיי געזונגען. ווי אַלע לידלעך, וואָס שמיליק לערנט אויס אין שול, האָט ער עס אויסגעלערנט זיינע ברידערלעך. אָבער נאָך מערער איז עס געפעלן געוואָרן הערשל שוסטער אליין. און ווי אַזוי זאָל עס אים נישט געפעלן, ווען סע הייסט טאַקע „דעם שוסטערס ליד"?

האָבן עס אַלע ליב געהאַט צו זינגען בא דער אַרבעט. אפילו דאָס ניט אידישע לערן-אינגל, וואָס האָט קוים עפּעס געקענט אידיש, האָט צוגעקלאַפּט מיטן העמערל לויטן טאַקט:

„אך העמערל, העמערל קלאַפּ!
קלאַפּ שטאַרקער א טשוואָק נאָך א טשוואָק,
קיין ברויט איז אין שטוב שוין נישטאָ,
נאָר צאָרעס און לייד אָן אן עק.

— — — — — — — — — — — — — — —

אך העמערל, העמערל, קלאַפּ!
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס,
מיין איינציקער שפּייזער ביסטו,
פון הונגער, אָן דיר, גיי איך אויס".

הערשל שוסטער איז געפעלן געוואָרן דער שרייבער: ווער זאָל ער זיין? פונוואַנען ווייסט ער דאָס אַלץ? און סע איז דאָך טאַקע אַזוי ווי ער שרייבט!

און זיצנדיק בא דער אַרבעט פלעגט ער זיך אַלעמאָל אונטער-זינגען:

„אך העמערל, העמערל, קלאַפּ..."

די כעװרע האָבן אונטערגעכאַפּט. קינדערשע קעלעכלעך האָבן זיך אױסגעמישט מיט האַמער־געקלאַפּעריי.

פֿאַרבײַגײיער האָבן געקוקט אױפֿן אײַנגעהױקערטן, לײמיקן שטיבל, געהערט דאָס געזאַנג װאָס קומט פֿון דאָרט און געשטױנט:

— פֿונװאַנען אַזױפֿיל פֿרײד?



אַ מאַיסע מיט אַ קעניג

עס איז פאַרמאַטערט געוואָרן דאָס קינד, מיד געוואָרן פון זיין טאַטנס טרויעריקע מאַיסעלעך און זיך געבעטן:

— פאַפּאַ, איך וויל דו זאָלסט מיר דערציילן שיינע מאַיסעלעך, דערציילסטו מיר גאָר עמעסע זאַכן פון אַן אַרבעטסלאָזן שמיד, אַ הונגעריקן שוסטער, אַ קראַנקן שניידער. דערצייל מיר פאַפּאַ, עפּעס שיינע מאַיסעלעך, אַזעלכע ווי אַנדערע טאַטעס דערציילן זייערע קינדער. פאַרוואָס דערציילסטו מיר נישט, פאַפּאַ, אַ מאַיסע פון אַ קעניג מיט אַ קעניגין?

האָט זיך דעם קינדס פאָטער פאַרטראַכט, געטראַכט און געטראַכט און כאָטש ער האָט גאָרנישט געקענט אויסטראַכטן, האָט ער אָנגעהויבן:

„אַמאָל איז געווען אַ קעניג... דער קעניג האָט געהאַט אַ קעניגן — זיין פרוי האָט מען גערופן קעניגן...״

— פאַפּאַ, — האָט ס׳קינד איבערגעשלאָגן — זאָג מיר, פאַפּאַ, בא וואָס האָט ער געאַרבעט, דער קעניג?

צעשמייכלט זיך דער פאָטער:

— וואָס פאר א איינפאלן דו האָסט, מיין קינד. דו פרעגסט מיך זאכן, וואָס נישט נאָר איך, נאָר אפילע דער קעניג אליין וואָלט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. בא וואָס דער קעניג האָט געארבעט?
— דער קעניג האָט גאָרנישט געארבעט.

— אָרעמער קעניג, נעבעך — זאָגט מיט ראכמאָנעס דאָס גוטע קינד — ער איז געווען ארבעטסלאָז, דער קעניג? וואו זשע האָט ער גענומען אף צו צאָלן דירע-געלט? וואו זשע האָט ער גענומען אף צו צאָלן אין שפייז-קראָם, דעם בעקער, דעם קאצעוו, דעם מילכמאן?

ווידער בלייבט דער פאָטער שטיל, און טראכט ווי אזוי דעם קינד צו דערקלערן.

— מיין קינד — האָט דער פאָטער אים געזאָגט — דו דארפסט נישט אזוי באדויערן דעם קעניג, ווייל ער איז נישט געווען אזוי אָרעם ווי דו מיינסט. ער האָט נישט געארבעט, ווייל ער האָט נישט געדארפט ארבעטן, קעדיי צו קענען צאָלן דירע-געלט, דעם בעקער, קאצעוו און מילכמאן. אלע אנדערע מענטשן האָבן געארבעט פאר אים. ער האָט נישט געוואוינט אין איין צימער ווי דיין טאטע, נאָר אין א סאך רייכע פאלאצן מיט באקוועמע צימערן. א סאך מענטשן האָבן אים באדינט און נישט געלאָזט טון די מינדעסטע ארבעט.

די שענסטע שיך וואָס דער שוסטער האָט געמאכט זיינען געווען פארן קעניג, פאר דער קעניגן און זיינע פריינט. די בעסטע געבעקסן וואָס דער בעקער האָט געבאקן זיינען געווען פארן קעניג און זיינע לייט. די שענסטע קליידער פון די בעסטע שטאָפן האָבן שניידערס שטענדיק גענייט פארן קעניג. אלע מענטשן פון לאנד האָבן געארבעט פארן קעניג. און דער קעניג און קעניגן און זייערע פריינט האָבן גאָרנישט געטאָן...

— פאפא — האָט ס׳קינד איבערגעשלאָגן דעם פאָטער — פאר־וואָס האָבן אלע מענטשן געארבעט פארן קעניג?

— מיין קינד — האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט — ווי איך האָב דיך ליב מיט דיינע קלוגע „פֿאַרוואָסן"! סע איז געווען אזוי ווייל די מענטשן האָבן נישט געפֿרעגט, ווי דו, „פֿאַרוואָס"? מען האָט זיי איינגערעדט, אז אזוי דאַרף זיין און זיי האָבן געגלויבט... נאָר לאָז מיך דערציילן...

עס זאָל אים נישט זיין אומעטיק פֿון גאָרנישט טאָן, פּלעגט דער קעניג אלע מאָל צוטראַכטן אנדערע פֿאַרווײַלונגען. ער פּלעגט הייסן די מענטשן זיך שלאָגן איינער מיטן אנדערן. עס פּלעגט אים פֿאַר־שאַפֿן פֿאַרגעניגן צו זען ווי די מענטשן צעבלוטיקן זיך. זייער יאָמערן האָט אים אָפּגעקלונגען אין די אויערן ווי די פֿיינסטע מוזיק. די „שפּיל" פּלעגט ער רופֿן „מילכאָמע" און די מענטשן האָבן געפֿאָלגט אלץ וואָס דער קעניג האָט באַפֿוילן, ווייל זיי האָבן געמיינט אז אזוי דאַרף זיין.

נאָר אויך דעם קעניג און דער קעניגן איז געווען שלעכט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינד.

ווען זיי האָבן געזען קינדער גייען פֿון דער שול אָדער שפּילן זיך אין פּאַרק, פּלעגן זיי צוגיין צו די קינדער, זיך ווילן שפּילן מיט זיי, זיי גלעטן און צערטלען. אָבער די קינדער פּלעגן פֿון זיי אנט־לויפֿן, נישט געוואָלט אז דער קעניג זאָל זיי אָנרירן.

— דאָס האָט ער געשיקט מיין טאַטן אין מילכאָמע — האָט איין קינד געשריען — איבער אים איז מיין טאַטע געוואָרן א קאַליקע.

— דאָס האָט ער צוגענומען בא אונדז אלע ברויטן און מיר האָבן געהונגערט — האָט געשריגן דעם בעקערס קינד.

— צוליב אים מאַכט מיין טאַטע טאָג און נאַכט שיך און איך גיי באָרוועס — האָט געשריגן דעם שוסטערס קינד.

אזוי זיינען זיך צעלאָפֿן אלע קינדער, שעלטנדיק דעם קעניג. און דער קעניג מיט דער קעניגן זיינען אומעטיקע, פֿאַרשעמטע גע־

גאנגען אהיים אין זײערע גרױסע און פּוסטע צימערן פון פּאלאץ.

אויך דאָס פאָלק האָט אנטײל גענומען אין קעניגס אומעט און זיך געזאָרגט:

— א קעניג שטארבט דאָך אויך, װער זשע װעט דעמאָלט זײן אונדזער קעניג?

— דער קעניג האָט דאָך ניט קײן קינדער, װער זשע װעט אונדז באפעלן? מען מוז דאָך האָבן א קעניג.

נאָך מערער פון פאָלק האָבן זיך געזאָרגט דעם קעניגס פרײנט: אָן א קעניג װעלן זײ דאָך אויך מוזן ארבעטן, גלײך מיט אלע.

האָבן דעם קעניגס פרײנט געטראכט און געקלערט אזױ לאנג ביז זײ האָבן אויסגעטראכט:

זײ האָבן באשטעלט באם בעסטן שפּילצײג-מאכער א גרױסע ליאלקע.

א סאך װאָכן און כאדאָשים האָט דער שפּילצײג - מאכער געארבעט. דערװײל זײנען אלע קינדער געבליבן אָן שפּילצײג, נישט געהאט מיט װאָס זיך צו שפּילן, װײל דער שפּילצײג-מאכער האָט געמאכט, צוריק צענומען און װידער געפּרואװט. ביז עס איז אים געלונגען צו מאכן אזא ליאלקע װאָס קען אויסרײדן עטלעכע װערטער, װען מען ציט בא די באהאלטענע שטריקלעך װאָס זי האָט. אז מען גיט א צי בא אײן שטריקל זאָגט זי — „פּאפּא", בא א צװײטן — זאָגט זי „מאמא", בא אן אנדער שטריקל — זאָגט זי „יאָ" און בא א פערטן — „נײן". פיר שטריקלעך — פיר װערטער.

מען האָט באשטעלט באם שוסטער די שענסטע פּאָר שיך, באם שנײדער — די שענסטע קלײדער און אויסגעפּוצט די ליאלקע. דער קעניג און די קעניגן, װען זײ האָבן נאָר געװאָלט, האָבן זײ א צי געטאָן בא א שטריקל און געהערט װי די ליאלקע רופט זײ „פּאפּא" און „מאמא".

שפּעטער, ווען דער קעניג איז געשטאָרבן, האָט מען געמאכט פאר א קעניג די ליאלקע (אף וועמען דאָס פאָלק האָט געמיינט, אז סע איז דעם קעניגס זון). מען האָט דער ליאלקע אָנגעטאָן א קרוין אפן קאָפּ, געפירט אין די בעסטע קארעטן אף פאראדן. דאָס פאָלק איז קיינמאָל נישט צוגעקומען נאָענט צום „קעניג", נאָר פון וויטנס געשריגן „זאָל לעבן דער קעניג". און דעם קעניגס פריינט האָבן אכטונג געגעבן אף דער ליאלקע, פארשפּרייט לעגענדעס וועגן „קעניגס" כאָכמע, וועגן זיינע מאילעס און אויסגענוצט די ליאלקע, קעדיי זיי זאָלן נאָך רייכער ווערן און נאָך מער מאטערן דאָס פאָלק. ווען זיי האָבן געוואָלט אז דאָס פאָלק זאָל גיין אין מילכאָמע, האָבן זיי געזאָגט, אז דער „יונגער קעניג" וויל אזוי, א צי געטאָן בא א שטריקל האָט דער „יונגער קעניג" איינגעשטימט, „יאָ!" און ווען זיי האָבן געוואָלט, האָט ער געזאָגט „ניין".

און דאָס פאָלק ארבעט פארן „קעניג" און זיינע פריינט. דאָס פאָלק גייט אין מילכאָמע אריין, שלאָגט זיך און מיינט, אז דער קעניג האָט אזוי געהייסן. און זיי ווייסן ניט, אז דער „קעניג" איז ניט מער ווי א ליאלקע. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

אינעם נאפט-לעמפּל וואָס האָט געברענט אין צימער, האָט זיך שוין לאנג געענדיקט דער נאפט. (אין דער געגנט וואו דער פאָטער און זון וואוינען איז נישטאָ קיין עלעקטריש ליכט). דאָס פייער האָט אָנגעהויבן צאנקען, זיך לעשן, אָט געוואָרן קליין, אָט גרויס, ביז סע איז פארלאָשן געוואָרן.

דעם פאָטער האָט שוין אָנגעהויבן בידעשן, וואָס דאָס קינד שלאָגט אים נישט איבער מיט זיינע שטענדיקע קלוגע פראגעס. האָט ער אָבער דערהערט דאָס ריטמישע און רעגלמעסיקע אָטעמען פון איינגעשלאָפענעם קינד בא אים אף די קני. האָט ער פאָרזיכטיק,

אויסגעטון ס׳קינד, עס א לייכטן קוש געטאָן, געלייגט אף זיין געלע־גער און געזאָגט:

— ס׳איז איינגעשלאָפן, פארמאטערט געוואָרן מיין קינד פון מיינע טרויעריקע מאיסעלעך. אָט האָב איך געוואָלט דערציילן אן אויסגעטראכט מאיסעלע און סע האָט זיך באקומען אן עמעסע זאך.

האָפענונג

(פון מיין טאַטנס מאָלדאָוואַנישע מאַיסעס)

נאָך איידער דער טאָג איז אויפגעשטאַנען פונעם שלאָף, זיינען שוין דעם שמידס קינדער געווען אָף די פיס. און באָרוועסע, נישט קיין געוואַשענע, נישט קיין געגעסענע האָבן זיי זיך גלייך געשטעלט בלאָזן דעם בלאָז-זאַק.

איז דען א כידעש, וואָס זיי זיינען פאַרמאַטערט און הונגעריק געוואָרן.

האָבן זיי מיטאמאָל אָפגעשטעלט ס'בלאָזן:

— טאַטוצאַ *), עסן!

דער טאַטע זייערער, דער שמיד, איז אויך אויפגעשטאַנען נאָך איידער דער טאָג איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף און נישט קיין געוואַשענער, נישט קיין געגעסענער, האָט ער זיך געשטעלט מיט א גרויסן האַמער אַרויסקלאַפּן פונקען פון דעם אָנגעגליטן אייזן. דאָס פּאָנים פאַרשמירט, שוואַרץ ווי קויל, האָט ער אָף א ווײַלע איבערגעריסן דעם ריטם פון די האַמער-קלעפּ:

— בלאָזט נאָך, כעווירע, ביז וואַנעט איך וועל מאַכן דעם ראָד, וועל איך קויפן א ברויט און מיר וועלן עסן.

דערהערט „ברויט", האָבן דעם שמידס קינדער, מיט באַנייטע

---

*) טאַטוצאַ — טאַטעלע, אָף מאָלדאָוואַניש.

קויכעס, געגומען בלאָזן דעם בלאָז-זאק, די פונקען האָבן זיך פֿריי-לעכער צעטאַנצט. אַזוי לאַנג ביז כעוורע איז ווידער פֿאַרמאַטערט געוואָרן, ווידער דעם הונגער דערפֿילט און אָפּגעשטעלט ס'בלאָזן.

— טאַטוצאַ, עסן!

דער טאַטע זייערער, דער שמיד, האָט ווידער איבערגעריסן דעם ריטמישן האַמער-געקלאַפּ:

— בלאָזט נאָך אַביסל, כעוורע, וועל איך ענדיקן דעם ראָד וועט זיין אַ פֿרישׁ ברייטל.

האָבן זיך די קינדער ווידער גענומען מיט פֿרישע קויכעס בלאָזן דעם בלאָז-זאק. און ווען זיי זיינען ווידער פֿאַרמאַטערט געוואָרן און ווידער דערפֿילט דעם הונגער צוגאַסט, האָבן זיי אָפּגעשטעלט ס'בלאָזן:

— טאַטוצאַ — האָבן זיי געבעטן מיט שוואַרצע הונגעריקע אויגן, — טאַטוצאַ, זאָג אונדז נאָך אַמאָל...

אונדזער קליינוואַרג

„נאַכעס“

דעמען פון אייך וואָלט גאָר איינגעפאַלן, אז „נאַ-כעס“ איז א נאָמען פון א הינטל? — ווי איז דען מעגלעך, אז א הינטל זאָל זיך גאָר אָפרופן אַף א אידישן נאָמען? א הינטל דאַרף הייסן נעגראָ, טשיטשאָ, אָבער נאכעס גאָר?!

נאָר אזוי איז עס.

נאכעס — אזוי הייסט שמיליקס הינטל. ווער האָט אים געגעבן אזא מאָדנעם נאָמען און פארוואָס, קען איך אייך נישט זאָגן. איך שטעל זיך פאָר, אז ס'איז מינאסטאם דערפאַר, וואָס שמיליק האָט געהאט פון אים נאכעס.

נאכעס האָט א ווייסע האָריקע פעל, ערטערווייז דורכגעוואָרפן מיט שווארצע הערעלעך, און א שווארצן קיילעכדיקן פלעק אַף דער פלייצע. ער האָט ליב זיך צו שפּילן און, אז ער לויפט ברענגען די פּילקע, ווען זי פּארפליט ווייט, דאכט זיך אויס, אז נישט ער לויפט, נאָר ער פליט. איידער מען קוקט זיך אום איז ער שוין צוריק מיט דער פּילקע אין מויל און גלייך צו שמיליקן.

די כעוורע, שמיליקס כאווערים, זיינען אים אוואדע מעקאנע אַף זיין הינטל און שמיליק איז שטאָלץ מיט אים.

שטעלט זשע אייך פאָר נאכעסעס פארדרוס, ווען איינמאָל, בעיים ער איז אריינגעלאָפן אין צימער אריין נאָך דער פּילקע, וואָס

האָט זיך אהין ארײַנגעקייקלט, האָט ער דאָרט דערזען אַ צווייטן הונט.

נאַכעס האָט פֿארגעסן אין דער פֿילקע און זיך געוואָרפֿן מיט אַ געבייזער אויף זײַן קעגנער. אָבער אויך יענער הונט האָט נישט געשוויגן און זיך געוואָרפֿן אויף נאַכעסן. נאַכעס האָט דערפֿילט אַ שטאַרקן זעץ אין פּיסק. דער ווייטיק האָט אים נאָך בייזער געמאַכט און ער האָט זיך נאָך ווילדער געוואָרפֿן. ער האָט ווידער געקראָגן אַ שטאַרקן שטויס, וואָס האָט אים צוריקגעוואָרפֿן ווי אַ פֿילקע. ער איז אויף אַ ווײַלע פֿאַרטומלט געוואָרן. ס'האָט אים געזשומעט אין קאָפּ. פֿאַר די אויגן האָבן אים געשפּריצט פֿונקען. אָבער נאַכעס האָט זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעגעבן. זײַן קעגנער, דער צווייטער הונט, אויך נישט.

ווען שמיליק מיט זײַנע כאַווירים זײַנען געקומען צולויפֿן אויף נאַכעסעס ווילדער געבילעריי, האָבן זיי אים געטראָפֿן קימאַט אַ דערשעפּטן, מיט אַ צעבלוטיקט מויל, זיך וואַרפֿן קעגן... שפּיגל.

אַ מאַיסע מיט אַ זייגערל

— עפשער וואָלסטו מיך שוין צורו געלאָזט מיטן זייגערל, מיט דיינעם? — בעט זיך לייבלס מאמע בא איר קליינעם זון — אזא אָנשיקעניש אף מיין קאָפּ! מען קאָן נאָר דול און מעשוגע ווערן פון זיין זייגערל.

— וואָס האלטסטו זיך אין איין דרייען אריין און ארויס? איך האָב זיך קארג אָנגעהאָרעוועט ביז איך האָב ארויסגעטריבן די פליגן פון צימער?

לייבלס מאמע איז פול מיט טאינעס צו איר זון. לייבל דארף אָבער אריינגייין אין צימער זען וויפל עס איז דער זייגער, לויט זייער וואנט-זייגער.

— האָסט דאָך א זייגערל, — טאינעט די מאמע זיינע.

הערסט א מאיסע! — טאקע דערפאר ווייל ער האָט א קליין ביינעוודיק האנט-זייגערל, וויל ער וויסן צי עס גייט גוט; צי עס שטימט מיטן גרויסן וואנט-זייגער.

אזוי שוין עטלעכע טעג. זינט לייבל האָט געקראָגן ס'זייגערל

א מאטאָנע פונעם פעטער פון זיינעם — פארן אריבערגיין אין פינפטן גראד מיט אן אויסצייכענונג — איז הימל און ערד און ס׳זייגערל.

וואָס זאָל דאָס באדייטן? — דער וואנט-זייגער איז הינטער-שטעליק מיט פינף מינוט. לייבל טראכט נישט קיין סאך און דרייט ס׳זייגערל אף פינף מינוט צוריק.

ס׳איז אָבער קעדאי א קוק צו טאָן באם שאָכן. יענעמס זייגער איז זייער א פינקטלעכער.

בא אים איז גאָר פאָרויסגערוקט אף דריי מינוט!

לייבלען לאָזט עס נישט רוען. א דריי דאָס שרייפל און דאָס זייגערל גייט שוין ריכטיק לויט יענעמס זייגער.

גייט ער אָבער פארביי א זייגערמאכעריי. אין שויפענצטער איז דאָ א גרויסער זייגער מיט אן אויפשריפט: „די פינקטלעכע שאָ״ — ס׳איז א כילעק אין א פאָר מינוט. לייבל האָט אזש א פארדרוס.

איצט שטעלט ער אָפ פינקטלעך לויט דער „פינקטלעכער שאָ״.

— דו וועסט איבערפירן דאָס זייגערל מיט אזויפיל דרייען! — וואָרנט אים די מאמע זיינע.

קלינגט אָבער אוים א ראדיאָ די „אָפיציעלע שאָ״, לויטן פלאָט-מיניסטעריום. וואָס קען שוין זיין ריכטיקער? לייבל דרייט ווייטער ס׳זייגערל. עס מוז דאָך גיין פינקטלעך!

— — — — — — — — — — — — —

איר ווילט וויסן דעם סאָף? בעסער גאָרנישט צו דערציילן. ווייל איך האָב ליב צו דערציילן פריילעכע מאיסעס און נאָכמער — מאיסעס מיט פריילעכע סאָפן.

און דאָסמאָל איז דער סאָף זײער נישט קײן פרײלעכער.

דאָס זײגערל איז א... זײגערל!

װען מען גיט דערמיט א טרײסל, גיט עס א פּאָר טיק־טאַק. קריגט אָבער באַלד כאַראָטע און שטעלט זיך אָפּ. ליגט עס אין א שופלאָד און לײבל האָפט, אז דאָס קומענדיקע יאָר — ער װעט זיך גוט לערנען — װעט אים זײן פעטער קױפן אן אנדער זײגערל, אָדער — כאָטש געבן פאַריכטן דאָס זײגערל.



קריינדעלע און שיינדעלע

— מאמע, ווען וועלן מיר שוין פאָרן צו שיינדעלען? — בעט זיך קריינדעלע בא דער מוטער.

— וואָס זשע? האָסט זיך שוין לאַנג נישט געקריגט מיט איר?

קריינדעלעס מאַמע ווייסט, אַז קוים קומען זיי זיך צונויף, די צוויי שוועסטער־קינדלעך, געדויערט נישט לאַנג און איינע קומט באַלד צולויפן אַ וויינענדיקע.

קריינדעלע און שיינדעלע זיינען ביידע אין איין עלטער, איין וואוקס. קריינדעלע איז אַ שוואַרצינקע, האָט אַ רונד פּעניםל, אַ פּאָר לעבעדיקע, קלוגע אויגן, איז אַ פּלאַפּלערקע, רעדט ווי אַ דערוואַקסענע, ווייסט אַלץ און וויל נאָך מערער וויסן.

שיינדעלע האָט אַ ווייס פּעניםל, פונוואַנען סע קוקן אַרויס אַ פּאָר שוואַרצע אויגן און איז באַזוימט מיט בלאָנדע, גאָלד־קאָלירטע האָר־פלעשעלעך. אין פאַרגלייך מיט קריינדעלען איז שיינדעלע אַ שטילינקע, אַ רואיקע.

האָבן זיי זיך ביידע ליב און — ווייל זיי וואוינען ווייט — בענקען זיי איינע נאָך דער צווייטער און בעטן שטענדיק די עלטערן, זיי זאָלן פאָרן צו גאַסט צום שוועסטער־קינדל:

אַזוי קריינדעלע און אַזוי אויך שיינדעלע.

זאָגן זײ צו די עלטערן, אַז זײ װעלן זיך אױפֿירן גוט, זיך נישט קריגן, זיך ליב האָבן.

און זײ טראַכטן טאַקע אױך, אַז אַזױ װעט זײן. זײ האָבן זיך דאָך בײדע ליב!

קומט מען זיך אָבער צונױף, בײַ דער צי בײַ יענער אין שטוב, איז בײַם אָנהױב שפּילט מען זיך גוט, רואיק — טײַבעלעך צװײ!

עס געדױערט אָבער נישט לאַנג. אײנע קומט שױן צולױפֿן מיט אַ געװײן:

— קרײַנדעלע לאָזט מיך נישט פֿאָרן מיטן טריציקלעט.

קרײַנדעלעס דרײַ־רעדלדיקער װעליסאָפּעד שטײט װאַכנלאַנג אין אַ װינקל, אַ פֿאַרלאָזטער. קרײַנדעלע פֿאַרגעסט גאָר צו פֿאָרן מיט אים. פּונקט דאַן, אָבער, װען שײנדעלע קומט און װיל פֿאָרן — פֿאַרװילט זיך קרײַנדעלען אױך.

אַזױ מיט אַלץ און מיט אַלעמען:

יעדע פֿון זײ װיל זײַן די „קעכן" און צוגרײטן דאָס „עסן".

יעדע פֿון די צװײ שװעסטער־קינדלעך װיל זײַן די „מאַמע" און זיך שפּילן מיט דער „ליאַלקע".

צעקריגט מען זיך:

— דו ביסט אַ שלעכטע!

— איך האָב דיך נישט ליב!

— איך װעל שױן קײנמאָל נישט קומען אַהער!

לױפֿט מען, װײנענדיק, זיך קלאָגן פֿאַר די טאַטעס, מאַמעס, װאָס טרינקען טײ, מאַטעט און שמועסן צװישן זיך.

װערן די טאַטעס און מאַמעס נישט איבערגעראַשט... זײ קענען שױן די צװײ שװעסטער־קינדלעך, װען זײ קומען זיך צונױף.

— פֿײַער און װאַסער! — זאָגן די מאַמעס.

— מילכאָמע און שאָלעם! — שמייכלען די טאַטעס.

און זיי מאַכן שאָלעם צווישן די צוויי קינדער. בעטן זיי זיך איבער, גייען זיי זיך ווייטער שפּילן און ווידער זיך צעקריגן.

און ווען זיי צעשיידן זיך נאָר, בענקען זיי איינע נאָך דער צווייטער און קוקן ארוים אפן טאָג, ווען זיי וועלן זיך ווידער צוזאַמענטרעפן.

פוטבאָל

דער וועג פון שול אהיים האָט כוליאָן אויסגעזען צו לאנג. מאכמעס גרויס פרייד איז ער נישט געגאנגען, נאָר קימאט געלאָפן אהיים. די פרייד זיינע איז געקומען פון איין געדאנק, וואָס האָט פארנומען זיין גאנצן מויעך: אין דעם פוטבאָל-מאטש פון קומענדיקן זונטיק וועט ער, כוליאָ, שפילן אלס „טויערמאן”.

שוין א צייט, אז עס פירט זיך א שטילער קאמף צווישן אים און ראָבערטאָן פאר דעם פלאץ באַם „טויער”. ראָבערטאָ איז דער שטענדיקער טויערמאן, גלייך קיין צווייטער וואָלט עס נישט געקענט בעסער זיין. א סאך פון די כעוורע האלטן, אז כוליאָ וואָלט געווען א בעסערער טויערמאן. שוין אפילע צוליב זיין וואוקס אליין. ער האָט דאָך בא זיי נישט קיין אנדער נאָמען ווי „לונגאָ” *).

נאָר אַף אלץ קומט א צייט. אַט טראָגט ער היינט מיט זיך די פריידיקע בסורע. ער וואָלט געוואָלט זיך מיט אימיצן טיילן, דערציילן די סיבע פון זיין פרייד. אָבער — פאר וועמען? עפשער פאר זיין פינפיעריק ברודערל בערעלע? — עמעס, בערעלע וואַרפט שוין אפילע פלינק די פילקע, דערקענט שוין די קאָלירן פון אלע פוטבאָל-קלובן, דערקענט שוין א סאך שפילער לויטן בילד. ער איז אָבער דאָך צו קליין צו פארשטיין די באדייטונג פון אָפגעהאלטענעם זיג. זיינע

*) לונגאָ — לאנגער, הויכער.

טאַטע-מאַמע, ווידער? — זיי וואָלטן געוועזן צופרידענער ער זאָל אינגאַנצן נישט שפּילן. „ס'איז נישט פאַר קיין אידיש אינגעלע" — טאַינען זיי.

אַזוי פאַרטון אין זיינע געדאַנקען, איז ער שיר נישט אַרונטער אונטער די רעדער פון טראַמוויי, באַם איבערקרייצן די גאַס. „מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — אָט וויינען מיר שיר נישט געבליבן אָן אַ טויערמאַן...

אין דערהיים האָט כוליאַ געטראָפן אַ גאַנצע איבערקערעניש. די מאַמע זיינע איז נישט געווען אין קיך, ווי אַלע טאָג. די קיך אַליין — אָן אַ שפּור פון פייער און געקעכטס. און אַן אומאָרדענונג נישט קיין געוויינלעכע.

ערשט ווען ער איז אַריין אין צימער און דערזען זיין מאַמען אין בעט איז אים קלאָר געוואָרן.

„די מאַמע איז קראַנק, איך וועל זונטיק נישט קענען גיין שפּי-לן", — איז אים דורך אַ טרויעריקער געדאַנק. באַלד אָבער האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, פאַרוואָס ער טראַכט אַזוי: איז דען בלויז צוליב דעם אַליין דאַרף אים באַזאָרגן זיין מאַמעס קראַנק ווערן?

פול מיט זאָרג און געטריישאַפט אין זיין קאָל האָט ער אויס-געפרעגט זיין מאַמען וואָס איר איז. זי האָט אים באַרואיקט: ס'איז איר שוין איצט בעסער, סע וועט איבערגיין.

די פּאָר טעג, וואָס זיין מאַמע איז געלעגן, איז כוליאַ איר פאַר-לאָפן אַלע וועגן, אַפילו נישט אַרויסגעגאַנגען זיך שפּילן מיט זיינע כאַווייריִם. די מוטער האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּלויבן פאַרן פאָטער: „דו ווייסט דען ווי דאָס קינד האָט מיך באַדינט? בעסער ווי אַ גרויסער!"

די גאַנצע צייט, אָבער, האָט כוליאַ געטראַכט וועגן זונטיק וואָס דערנענטערט זיך. אַך, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין מאַמע זאָל זונטיק שוין זיין געזונט און ער זאָל קענען פאַרנעמען זיין פּלאַץ באַם „טויער".

און אַט האַלט עס שוין דערבײ.

א זוניקער זונטיק אינדערפֿרי. כוליאַס מאַמע דרײט זיך אַרום אַן אױסגעבלײכטע. זי ראַמט צוביסלעך. דער טאַטע לאָזט איר נישט טאָן קײן שװערע אַרבעטן. העלפֿט איר װי ער קען. כוליאַ קען זיך נישט באַשליסן. צום סאָף טראַכט ער צו א טערעץ, פֿאַר-נעמט דאָס פּעקעלע אין װעלכן ס׳ליגן די שיך, דאָס העמדל און לױפֿט צום פֿוטבאָל-פּלאַץ.

:: :: ::

דאָס פֿוטבאָל פּלאַץ — א לײדיקע, נאָך נישט פֿאַרבױעטע „מאַנסאַנע"*), אַרומגעצױמט מיט דראָט. אַרום דעם פּלאַץ, אָנגע-שפּאַרט אין דער דראָט-פֿאַרצױמונג, שטײען א סאַך שכנים פֿון דער געגנט, װאָס זײנען נײגעריק צוצוקוקן דעם גאַנג פֿון שפּיל.

ס׳איז געװען א הײסער זונטיק אינדערפֿרי. שױן פֿון גאָר פֿרי האָט די זון זיך געלאָזט פֿילן און צוגעזאָגט אַן אומדערטרעגלעך הײסן טאָג.

אָבער נישט די שפּילער, אױך נישט די אומזיסטיקע צושױער האָבן געפֿילט די היץ. די שפּיל האָט געהאַלטן אינמיטן ברען.

אױך כוליאַ האָט די היץ נישט געפֿילט, קײן הונגער נישט געפֿילט און אױך נישט קײן מידקײט — גלײך װי ער װאָלט זיך גאָרנישט געװען געװאָרפֿן צענדליקער מאָל אױף דער ערד, אױסצי-ענדיק זיך די גאַנצע לענג, קעדײ צו פֿאַרהאַלטן די פּילקע.

דער גינסטיקער גאַנג פֿון שפּיל און דער זיג, װאָס דערנענ-טערט זיך, האָבן געמאַכט פֿאַרגעסן אַלץ.

די אױסגעשרײען און קאָמפּלימענטן פֿון די צושױער האָבן כוליאַן מאַמעש געגעבן פֿליגל, געמאַכט אים פֿלינקער און רי-רעװודיקער.

---

*) מאַנסאַנע — הײזער-בלאָק.

— בראַוואָ „לונגאַ״ — האָבן זיך געהערט באַגייסטערטע אויסרופן.

— אַט אַזוי פאַרטיידיקט מען אַ „טויער״ — האָט זיך געהערט, ווען כוליאַ האָט געלונגען אָפּגעשלאָגן די פּילקע.

בלויז איינמאָל האָט זיך איינגעגעבן די קעגנערישע „לויפערס״ דורכצושלאָגן כוליאַס „טויער״.

בעיסן שפּילן האָט כוליאַ אין אַלץ פאַרגעסן. ווען ער איז, אָבער, געבליבן אַליין פון זיינע כאַוויירים, אויפן וועג אַהיים, האָט ער דערפילט די מידקייט, דערפילט הונגער און — זיך אין זיין מאַמען דערמאָנט. כוליאַ האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט אין אויסגעבלייכטע און אָפּגעשוואַכטע טוען אַרבעטן אין דערהיים.

וואָס וועט ער איר ענטפערן, ווען זי וועט אים פרעגן וואו ער איז געווען?

און די גאַנצע פרייד זיינע פונעם דערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט, איז פאַרשוואונדן.

כוליאַ האָט זיך געפּרוּווט טרייסטן, אַז ס׳איז זונטיק. דער טאַטע איז אין דערהיים, העלפט ער איר. ער האָט זיך, אָבער, אַלץ געפילט פאַרשולדיקט און ווי אַ זינדיקער וואָס דערוואַרט זיין שטראָף, האָט ער זיך דערזען נאָענט פון זייער שטוב.

ער האָט דערזען זיין ברודערל בערעלע, וואָס לויפט אים אַקעגן און וויל גלייך וויסן דעם רעזולטאַט פון מאַטש.

כוליאַ האָט אים געפרעגט:

— וואָס טוט די מאַמע?

אָבער בערעלע האָט זיך זיינס אינזין און ווען ער האָט דערהערט, אַז דער מאַטש האָט זיך געענדיקט „דריי קעגן איינס״ איז זיין שׂימחה געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט שוין אויך נישט געהערט כוליאַס ווייטערדיקע פראַגעס:

— מען האָט מיך געדאַרפט האָבן, בערעלע?

— דער טאַטע איז געװען בײַ אונדז אַף מיר? — האָט כוליאַ גע-פרעגט — און ערשט דערזען, אַז זײַן טאַטע איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען אַף דער טיר און אַלץ געהערט.

מיט אַ קלױמערשטער בײזער מינע, האָט אים זײַן טאַטע געפרעגט:

— װוּ ביסטו געװען? װאָס שלעפּסטו זיך אַרום אַ גאַנצן פרימאָרגן? די מאַמע איז קראַנק און דו האָסט אינזינען די כעװרע מיט דער פּילקע.

אין זײַן טאַטנס שטים האָט כוליאַ דערקענט, אַז ער איז נישט בײַז און זײַן קאַעס איז בלױז אָנשטעל, דאָך האָט ער געשטאַמלט אַן ענטפער.

אין דעם, אָבער, איז אָנגעקומען זײַן מאַמע און זיך דערפרײט:

— לאָז אים צורו! ס׳קינד האָט דאָך נאָך הײַנט גאָרנישט גע-עסן. קום, כוליאַ, קום װעסטו עפּעס עסן.

אין אַ ווינטערדיקן אָוונט

געשריבן אין 1939,
צו שאָלעם אליינעמס
אכציקסטן געבוירנטאָג.

— דאָסמאָל, קינדער, וועל איך אייך דערציילן א כאָלעם.
— א כאָלעם?
— שוין איינמאָל א כאָלעם! זינט כאָלוימעס כאָלעמען זיך, האָט זיך נאָך אזא כאָלעם נישט געכאָלעמט. אזא כאָלעם קען זיך כאָלע־מען טאקע נאָר איינמאָל אין אכציק יאָר.
אָבער איידער איך גיי אייך דערציילן דעם כאָלעם, האָב איך א גאנצע מאיסע.

:: :: ::

ס'איז געווען אין א ווינטערדיקן אָוונט.
נישטאָ קיין ערגערע זאך ווי א ווינטערדיקער אָוונט. הייבן זהויבט ער זיך אָן פון באלד נאָך מיטיק. איידער מען האָט נאָך רעכט אָפּגעגעסן מיטיק, ווערט שוין טונקל, דארף מען שוין אָנצינדן ליכט און ס'איז שוין נאכט. און די נאכט ציט זיך לאנג, אָן א שיר לאנג.
און דאָ ביסטו אליין. די כאַווירים זיינען יעדערער בא זיך אינדערהיים. פארשפארט ווי ארעסטאנטן, פונקט ווי איך. אינדרויסן איז קאלט צי סע רעגנט, נודזשעט מען. צו וואָס מען נעמט זיך, איז נישט גוט. אפילו מיטן שפילצייג קען מען זיך קיין אייצע נישט

געבן. און שפּילצײַג האָב איך בעפּיירעש א סאך. דאָס האָב איך צו פּאַרדאַנקען מײַן פעטער יאָסלען.

מײַן פעטער יאָסל אַלײן האָט נישט קײן קינדער און איך הײס א נאָמען נאָך זײַן טאַטן. זײַן טאַטע האָט געהייסן מעכל און איך — אויך אַזוי. ס׳הייסט רופן רופט מען מיך מיגעליטאָ. ס׳איז אָבער אַלצײַנס. װײסט ער נישט, מײַן פעטער יאָסל, װאָס צו טאָן מיט מיר, װאָס פאַר א שפּילעכלעך מיר צו קויפן. רופט ער מיך „טאַטע”. סע געפעלט מיר אפילע נישט װאָס ער רופט מיך אַזוי. װאָס פאַר א טאַטע בין איך אים? נאָר װײַל ער קויפט מיר שטענדיק שפּילעכלעך, זאָג איך גאָרנישט.

אָבער װאָס קען איך טאָן מיט די שפּילעכלעך אין צימער? סע װאָלט מער נישט געפעלט, נאָר איך זאָל זיך נעמען שפּילן מיט דער פּילקע אין צימער. צי פאָרן מיטן מאָנאָפּאַטין. עס איז אַזוי אויך ענג בא אונדז אין שטוב. כוצדעם האלט די מאמע אין אײן שרײַען:

— דו װעסט צעקראַצן דעם דיל!

—װעסט צעקלאַפּן דאָס מעבל, װעסטו צעקלאַפּן!

נעם איך מאָלן מענטשעלעך — װעסט פאַרשמירן דאָס טיש-טעך! װײַל איך אויסשנײַדן בילדלעך פון א צײַטונג — מאַכסט אָן א מיסט! אַז װאָס מען טוט איז נישט גוט.

נודזשע איך זיך. איך דערמאָן זיך אין די זומערדיקע אָפּדער-נעכט װען איך פלעג זיך שפּילן מיט די כאַװײרים אויף דער גאַס, אויף דער פּלאַסע, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

דערזעט די מאמע, אַז איך לאַנגװײַליק זיך, שיקט זי מיך שלאָפן. איך בין אפילע שלעפעריק, די אויגן קלעפּן זיך מיר און איך האלט אין אײן געניצן. נאָר װײַל זי שיקט מיך, װײַל איך מינאַסטאַם נישט. איר האָט עפּעס ליב צו גײן שלאָפן פרי, װען אַלע בלײַבן נאָך װאַכעדיק?

שפּעטער, די אויגן קלעפּן זיך, דאָס מויל װערט שיר נישט

צעריסן פון געניצן. שרייט די מאמע ווידער: „גיי לייג זיך שוין, דו פאלסט דאָך אוועק!"

רייס איך אויף די אויגן מיט קויעך:

— איך וועל זיך לייגן שלאָפן גלייך מיט אייך.

אזוי האלט זי אין איין זאָגן „שלאָפן", „שלאָפן", ביז איך ווער אינדערעמעסן אנטשלאָפן.

דעמאָלט טוט מען מיך אויס, שלאָפנדיקערייד, דאָס אָנטועכץ און מען טראָגט מיך צו צום געלעגער.

:: :: ::

אזוי קימאט שטענדיק. און אזוי וואָלט זיך אויך געענדיקט דער אפדערנאכט. איך האָב נישט געוואוסט צו וואָס זיך צו נעמען. האָב איך זיך געגודזשעט. הער איך אָבער ווי מיינע טאטע-מאמע נודזשען זיך שוין גאָרנישט. מיין טאטע לייענט עפּעס פאַר דער מאמען פון א בוך און ביידע קאטשען זיך פאר געלעכטער.

האָט מיך אָנגענומען א מין קינע און א פארדרוס: מיר איז אזוי לאנגווייליק און זיי — זיי איז גאָר פריילעך! און א כיישעק האָט מיך אָנגענומען זיי צו שטערן. ווייס איך אָבער, אז בא מיין טאטן איז ניטאָ קיין ערגערע זאך ווי, אז מען שטערט אים בעיס ער לייענט.

א סאך מאָל וויל איך אים עפּעס פרעגן ווען ער האלט אינמיטן לייענען, מוז איך אויסווארטן ביז ער ענדיקט. דער סאָף איז שטענדיק, אז ביז וואנען ער ענדיקט, פארגעס איך וואָס איך האָב אים געוואָלט פרעגן.

דאָסמאָל איז מיין טאטע דאווקע נישט אין קאעס געוואָרן, ווען איך האָב אים געפרעגט וואָס אזוינס ער לייענט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט מיך ביז איצט נישט באמערקט, דאָס פריערדיקע געלעכטער איז נאָך נישט פארשוואונדן פון זיין פּאָנים און ער האָט מיר געזאָגט:

— דאָס לייען איך א מאיסע פון שאָלעם אליינעמען.

שאָלעם אַלײכעם — דאָס איז אַ הײמישער נאָמען בא אונדז אין שטוב. זינט איך געדענק, הענגט בא אונדז אַף דער וואַנט, האַרט איבער מײַן בעטל, אַ גרױס בילד פֿון אײנעם מיט לאַנגע, גלאַט פֿאַר־קעמטע האָר, אַ פּאָר קלוגע, שמײכלענדיקע אױגן קוקן אַרױס פֿון הינטער די ברילן אַפֿיר. װען איך בין אַלט געװען אַנדערהאַלבן יאָר, אַזױ דערצײלן מײנע טאַטע־מאַמע, אַז מען האָט מיר געפֿרעגט, װער דאָס איז, האָב איך געענטפֿערט: שאָלײכעם".

מײַן טאַטע איז פֿאַרליבט אין שאָלעם אַלײכעמען. אַזױ זאָגט די מאַמע מײנע און זי אַלײן האָט אים אױך נישט פֿײַנט...

אין די פֿרײַע שעה, נאָך דער אַרבעט, צי אין אַ יאָנטעװדיקן טאָג, לײענט מײַן טאַטע צוערשט פֿאַר זיך. באַלד צעלאַכט ער זיך צו זיך אַלײן און קען זיך נישט אײַנהאַלטן. ער מוז זיך טײלן מיט דער מאַמען, גײט ער אַרײַן אין קיך. די מאַמע איז נישט גערן. נאַ דיר גאָר אַ מאַיסע אינמיטן דרינען! דער קאָפּ ליגט איר ניט דערבײַ. קױם אָבער פֿױלט דער טאַטע בא איר, זי זאָל הערן נאָר אַ פּאָר שורעס, בלײַבט זי שטײן מיטן קאָכלעפֿל אָדער מיטן מעסער אין דער האַנט. און באַלד לאַכן זײ בײדע אַזױ האַרציק, ביז טרערן. פֿון די „פּאָר שורעס" װערן בלעטלעך גאַנצע. ביז װאַנען אַ טעפּל לױפֿט אױס, צי דאָס געבראַטנס װערט צוגעברענט.

זעט איר שױן, אַז דער נאָמען שאָלעם אַלײכעם איז מיר גאָר נישט פֿרעמד...

:: :: ::

מײַן טאַטע, װײַל ער האָט שױן איבערגעריסן דאָס לײענען און זיך דערמאָנט אין מיר, האָט ער צוגעמאַכט דעם בוך און מיר אָנגע־הױבן דערצײלן אײניקע שאָלעם אַלײכעמס מאַיסעס. אײנע שענער פֿאַר דער אַנדערער. אײנע פֿון אַ אינגעלע, געצל, װאָס די כאַװײרים האָבן נישט געװאָלט מיט אים שפּילן אין ניס, האָט ער געשפּילט מיט זיך אַלײן און זיך צעקריגט מיט זיך אַלײן און זיך צעשלאָגן,

צענעריקט. איינע — פון א אינגעלע „טאַפּעלע טוטוריטו", וואָס הייסן הייסט ער קאַפּעלע קוקוריקו, נאָר ווייל ער רעדט אונטערן צינגל און אָנשטאָט „ק" זאָגט ער „ט", רופט מען אים „טאַפּעלע טוטוריטו". און פון נאָך א אינגעלע, האָט ער מיר דער טאטע דערציילט, וואָס הייסט מאַטל און פון א הונט ראבטשיק און נאָך און נאָך מאיסעס, אזוי לאנג ביז איך בין איינגעשלאָפן.

:: :: ::

איינגעשלאָפן. אוואדע כאָלעמט זיך מיר ווי עס עפנט זיך די מיר און סע קומט אריין נישט קיין אנדערער ווי טאקע ער אליין, שאָלעם אליכעם. איך האָב אים באלד דערקענט אינעם שפּיצעכיקן בערדל מיט די לאנגע, גלאַט־פארקעמטע האָר, און אין די גוטע קלוגע אויגן, וואָס קוקן פון הינטער די ברילן אפיר גלייך אַף מיר. און באלד רופט ער זיך אָן צו מיר:

— זאָג מיר נאָר, דו קליינער וועזוריק...

— איך הייס נישט קליינער וועזוריק, הייס איך נישט.

— ווי זשע דען הייסטו?

— ווי אזוי זאָל איך הייסן? איך הייס מיגעליטאָ, א נאָמען נאָך מיין פעטער יאָסלם טאטן הייס איך.

— צעלאכט זיך שאָלעם אליכעם אַף א קאָל:

— ווי אזוי זאָגסטו? מיגעליטאָ? וואָס פאר א נאָמען איז דאָס? און דיין פעטער יאָסלם טאטע האָט אויך אזוי געהייסן?

— כיין פעטער יאָסלם טאטע האָט געהייסן מעכל, נאָר מיך רופט מען אזוי.

— הייסטו, הייסט עס, אויך מעכל. זאָג־זשע מיר נאָר, מעכל, קענסטו כאָטש ריידן אידיש?

— אוואדע קען איך? פארוואָס זאָל איך נישט קענען? „דזשיידע", „פעטע", „קעטשעלע".

— א שײנער אידיש, כ׳לעבן, װי איך בין א איד. גיכער איז עס טערקיש? עפּשער װילסטו זאָגן „זײדע, פּעטער, קעצעלע״.

— טאַקע דאָס מײך איך דאָך, „דזשײדיע, פּעטע, קעטשעלע״.

רופט זיך אָן צו מיר שאָלעם אלײכעם:

— הער זשע מיך אױס, דו קלײנער װעװריק, מײן איך מעבל, ס׳הײסט, מיגעליטאָ װיל איך זאָגן. איך זע דאָך, אז דו האָסט נישט קײן כאַװײרים מיט װעמען זיך צו שפּילן אין די לאנגע װינטער-נעכט, האָב איך פאַר דיר כאַװײרים, כעװרע אײנס און אײנס פרײלעכע. אָרעמע אָבער פרײלעכע, אײנער הײסט מאָטל פּײסי דעם כאַזנס, אײנער געצל-גױיעצל און נאָך און נאָך אָן א שיר. דו מוזט אָבער טאָן אײן זאך: זיך אױסלערנען רײדן און לײענען אידיש. נו, װאָס זשע שװײגסטו? גיסטו מיר דײן װאָרט אז דו װעסט עס טאָן?... — — — —

———————————————————————

פרעג איך אײך: װאָס װאָלט איר דערױף געענטפערט? איך?— איך האָב אים געגעבן מײן װאָרט און איך קען אײך זאָגן, אז סע טוט מיר גאָרנישט באנג....



אַוורעמעלע שפּאָרט געלט . . .

ווי קומט צו אים געלט, צו אוורעמעלען? ווי האָט זיך צו אים גענומען אזא מאַיאָנטעק? — דאָס איז שווער צו וויסן.

א פאקט איז:

אוורעמעלע האָט זיך מיטאמאָל דערזען, אלס באַלעבאָס איבער פופצן סענט (איין מאטבייע פון 10 און איינע פון 5 סענט). אן אנדער אינגעלע אף זיין אָרט וואָלט מינאסטאם באלד עס געלאָפן אויסגעבן אף נאשערייען, צוקערלעך. אוורעמעלע, אָבער איז נישט אזא. פארקערט, אים איז מיטאמאָל באפאלן א געלט-גייציקייט און סע האָט זיך אים פארוואָלט האָבן מער. דערווייל מאָנט ער נאָך בא זיין מאמען פינף סענט, קעדיי עס זאָל זיין א קיילעכדיקע סומע — צוואנציק סענט.

— די האָסט דאָך געלט? — טאינעט זיין מאמע.

אוואדע האָט ער, אָבער ער וויל צונויפלייגן סענט צו סענט, איז ביז ער וועט ווערן גרויס, וועט עס באטרעפן א פארמעגן.

שמייכלט זיין מאמע און גיט אים פינף סענט. הויבט זיך אָן אן ארבעט פון אויסבייטן די דריי ניקלס אף איין מאטבייע, א גרעסערע — איינע פון צוואנציק. שפּעטער, ווידער אויסבייטן די צוואנציק אף פיר סינקאָס*) — עס זאָל זיין מערער...

*) סינקאָ — אן ארגענטינער קליינע מאטבייע פון פינף סענט.

דערנאָך — וואו געפינט מען א זיכער אָרט צו באהאלטן דעם אויצער?

ער האָט געפּרואווט לייגן אין שופלאָד פון טיש, אין א ווינקל פון וואנט-זייגער און באלד כאַראָטע געקראָגן און עס צוריק אפיר-גענומען.

וואו ער האָט עס געלייגט, איז נישט געווען גוט.

אזוי איז געגאנגען כאַדאָראָם דאָס גאנצע הויז מיט זיינע צוואנציק סענט. און ווער ווייסט וויפל נאָך ער וואָלט יעדן פארמוטשעט, ווען נישט א קארוסעל, וואָס האָט זיך אוועקגעשטעלט אין ראָג פון זייער קווארטאל.

אזא קארוסעל האָט מען טאקע נאָך אין דער געגנט נישט געזען!

א קארוסעל מיט הילצערנע פערדלעך, וואָס גאלאָפּירן ווי עמעסע פערד; קעמלען אפילע, שיפעלעך, אויטאָמאָבילעכלעך קליינע. און שיינע מוזיק פון א שפּיל-קאסטן, וואָס קומט ערגעץ פון אינעווייניק פון קארוסעל.

כעוורע זיינען געלאָפן צו די מאמעס נאָך סענטן און אוורע-מעלע — ווי אלע כעוורע.

האָט ער אָבער באקומען א שארפן אָפּזאָג פון זיין מאמען:

— האָסט דען קיין געלט נישט?

— יאָ, אָבער יענץ איז אַף צונויפלייגן.

טאינע היינט, טאינע מאָרגן, די מאמע זיינע איז שוין פארמא-טערט פון זיינע צענויפגעלייגטע געלטער.

האָט ער, מיט אויגן פול קינע צוגעקוקט, ווי זיינע כאווירים באווייזן קונצן אינמיטן גאנג פון קארוסעל; ווי זיי שפרינגען פון די שיפעלעך אַף די גאלאָפּירנדיקע פערדלעך: פון דאָרט אין די אויטאָס; ווי די כאווירים זיינע פלייסן זיך ארויסצובאקומען דעם רונג, וואָס

הענגט אראָפּ פון אזא סלופּ. און דעם וואָס עס געלינגט ארויסצוציען, דער קריגט אן אומזיסטיקע רייזע אפן קארוסעל.

אוורעמעלע האָט אָנגעטאפּט דעם ניקל אין קעשענע, א פּאָר מאָל געפּרואווט אים ארויסנעמען, אָבער איידער ער האָט זיך אנטשלאָסן, האָט די קארוסעל ווידער זיך אָנגעהויבן דרייען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בעסער וואָלט ער דעם ניקל נישט אויסגעביטן. ווייל האָט ער נאָר צעברעקלט די מאטבייע, באצאָלט פאר איין רייזע אפן קא-רוסעל, איז זי זיך צעגאנגען אונטער די הענט.

ס'איז אים שוין געגאנגען אין אמביציע; נאָך יעדער רייזע האָט זיך אים געדאכט, אז סע האָט געפעלט א האָר, ער זאָל ארויס-ציען דעם רונג און זיך פארדינען אן אומזיסטיקע רייזע. — דאָס מאָל, פלעגט זיך אים דאכטן, וועט אים שוין געלונגען.

און אזוי, פיר רייזעס — פיר קורצע אויגנבליקן, איידער מען קוקט זיך אום, סע איז שוין נאָך אלעמען.

נישטאָ קיין ניקל, אוים מיט זיינע אָפּשפּאָרונגען.

און סע האָט זיך אוורעמעלען געדאכט, אז נישט צוואנציק סענט האָט ער אויסגעגעבן, נאָר א פארמעגן א גאנצס.



אָ ז ו ן

ש. וואַסערמאַנען —
נאָכן איבערלייענען זיין בוך
„שוועלבעלעד".

ס'איז געווען גאנץ פרי. ווען הערשעלע האָט געעפנט די אויגן, האָט ער שוין געטראָפן זיין טאטן אין דער זעלבער פּאָזע ווי ער האָט אים נעכטן באנאכט געלאָזט — אריבערגעבויגן איבער דער ניי־מאשין און שטעפּן די ברייטע, געקעסטלטע גאָטשישע הויזן.

הערשעלעס מאמע איז שוין אויך געווען אויפגעשטאנען און, מיטן קוישל אין די הענט, געווען גרייט צו גיין איינקויפן.

ס'איז איר נאָר נישט אויסגעקומען דער כעזשבן. וויפל זי האָט נישט גערעכנט, האָט איר נישט געקלעקט קיין געלט איינצוקויפן אלץ וואָס זי דאַרף.

אז סע לאָזט זיך אויס, איז אלצדינג מיטאמאָל. איז נישטאָ אין שטוב קיין זאלץ, קיין קוילן, צוקער, גרויפּן, זייף. מען דאַרף אויך קויפן ברויט. נו, און מילך פארן טאטן? וואָס א טאָג הוסט ער ערגער. און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז דער קראנקער דאַרף וואָס מערער מילך און זון.

— אז דו גייסט שוין קויפן מילך, ברענג שוין אויך אביסל זון, — כאָכמעט זיך דער טאטע.

אלצדינג איז בא אים א כאָכמע, בא הערשעלעס טאטן.

ווען דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אז ער זאָל בייטן די וואוי-נונג, ווייל דאָרט וואו זיי וואוינען איז נישטאָ קיין לופט און נישטאָ קיין זון, האָט הערשעלעס טאטע זיך דערנאָך געכאָכמעט:

— איך וואָלט זיך אוודע געביטן מיטן דאָקטאָרס וואוינונג, ס׳איז דאָרט ליכטיקער און באקוועמער. דאָרטן וואָלט איך זיכער געזונט געוואָרן.

דאָס צימער, וואו עס וואוינען הערשעלעס עלטערן טראָגט דעם נומער 43 פון דער קאָנוועגטיזשע*). דאָס צימער איז פארוקט אין א ווינקל. ס׳איז דאָרט שטענדיק טונקל און סע פילט זיך א טוכלעקייט. די זון שמעקט אהין קיינמאָל נישט אריין.

הערשעלע טראכט:

„וואָסארא שלעכטע ס׳איז די זון! דאָרטן, וואו מען דארף זי נישט, אין די הייזער וואו ס׳איז ליכטיק אויך אָן איר, דאָרט קומט זי. און דאָרטן וואו מען נויטיקט זיך אין איר שיין, קומט זי אפילע נישט אריין".

„ווען איך וועל זיין א גרויסער, טראכט ער, וועל איך אויסבויען א גרויס ליכטיק הויז, מיט גרויסע טירן און א סאך פענצטער, וואו די זון וועט שטענדיק שיינען..."

אזוי טראכטנדיק איז הערשעלע ווידער אמאָל איינגעשלאָפן.

חאָט זיך אים געכאָלעמט: זיין מאמע איז געקומען פון דער גאס, מיט א פולן שווערן קויש און זי הויבט אָן צו שלעפן פונעם קויש צוקער, גרינס, פרוכטן, פלייש, מילך און — זע נאָר זע! — זי שלעפט ארויס פונעם קויש א זון. טאקע אן עמעסע זון, קיילעכדיק ווי א ברויט. די כעוורע, הערשעלעס ברידערלעך, שוועסטערלעך, באפאלן זייער מאמען מיט קוילעס:

---

*) קאָנוועגטיזשע — א הויז, וואו עס וואוינען אין ענגשאפט א סאך נישט-פארמעגלעכע פאמיליעס.

— מיר א שטיקל!

— מיר א שטיקל זון!

און די מאמע טיילט. יעדן א שטיקל, יעדן א רעפּטעלע. ביז זי טיילט איין די גאנצע זון. און — א שיינע זאך, כ׳לעבן! — אין זיך אליין האָט די מאמע גאָר פארגעסן. פאר איר איז נישט געבליבן קיין זון.

הערשעלע איז געבליבן שטיין מיט זיין שטיקל זון און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן: עפּשער גאָר געבן דער מאמען זיין כיילעק? האָט ער אָבער דערזען ווי איר פּאָנים שטראַלט פון פריידּ און ער האָט דערהערט זיין טאטנס הייזעריק קאָל:

— זאָגט נישט, קינדער. סע וועט קומען א צייט ווען סע וועט זיין גענוג זון פאר אלע מענטשן...

בא די ווערטער האָט זיך זיין טאטע פארהוסט. הערשעלע האָט זיך אויפגעכאפּט.

פונעם הויף האָבן זיך דערטראָגן די קוילעס פון די קינדער. האָט הערשעלע פארשטאנען, אז עס איז שוין שפּעטער טאָג, כאָטש אין צימער איז פינצטער ווי באנאכט.

ליקעכאַמע

פרויקע האָט זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט, אנטוישט; ער האָט זיך געהאַט גערעכט אף אויסערגעוויינלעכע געשעענישן; אף עפּעס שיינס, עפּעס שרעקלעכס. און צום סאָף — גאָרנישט!

און וויפל ער האָט עם אביסל געראַשט פריער. דאָס וואָרט אליין—ליקעכאַמע—איז אים געפעלן געוואָרן. האָט ער עס טאַקע איבערגעכאַזערט אלעמאָל. איטלעכן דערציילט, אז מאָרגן, אַרום זיבן מיט א האַלבן, וועט זיין א ליקעכאַמע; געפרעגט די כאַווירים צי זיי וועלן אויפשטיין פרי זען די ליקעכאַמע?

אהיימגעקומען פון שול, ער איז נאָך רעכט נישט אריבער די שוועל, האָט ער געפרעגט זיין מאַמען:

— מאַמע, האָסט שוין אמאָל געזען א ליקעכאַמע?

— וואָס איז דאָס פאַר א נייס? אזא כאַיע אין זאָאָלאָגישן גאָרטן?

— ניין! — האָט פרויקע איבערגעזאָגט דאָס וואָס ער האָט געהערט פון זיין לערער, — א ליקעכאַמע איז, ווען די זון מיט דער לעוואָנע טרעפן זיך צונויף אין איין פונקט, און די לעוואָנע וואַרפט איר שאָטן אף דער זון און פאַרטונקלט זי אביסל.

— פרעג מיך, זונעניו, גרינגערע זאכן! — האָט געזאָגט זיין

מאמע — טו זיך בעסער אוים דאָס כאַלאַט, וואָש די הענט און גיי־
עסן.

פּרויקע האָט נאָר איבערגעטראַכט:

— איך זאָל כאָטש נישט פאַרשלאָפן!

— דער הימל זאָל כאָטש נישט זיין פאַרוואָלקנט, מען זאָל קע־
נען זען די פאַרטונקלונג פון דער זון.

האָט ער אָנגעזאָגט זיין מאַמען, זי זאָל אים אויפוועקן פרי, גע־
בעטן אָנשטעלן דעם וועק-זייגער, — כאָטש אַף זונטיק אינדערפרי
שטעלט מען אים נישט אָן!

ער האָט דערווארטעט עפּעס אויסערגעוויינלעכס, ער איז געווען
אַזוי אומגעדולדיק, אַז ער האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן
קעדיי נישט צו פאַרשלאָפן.

שוין העט, שפּעט, איז ער איינגעשלאָפן און געהאַט מאָדנע
כאַלוימעס. ס'האָט זיך אים געכאָלעמט, אַז בא זיי אין הויף ליגט אַ
פּילקע, ער גיט אַ זעץ מיטן פוס, הויבט זי אָן פליען הויך. פליט
אַלעמאָל העכער, און מיטאַמאָל — ס'איז גאָרנישט קיין פּילקע, עס
איז גאָר אַ לעוואָנע, זי שלאָגט זיך אָן אין דער זון, ווערט די זון
פאַרלאָשן, ווערט פינצטער...

אינדערפרי, ווען ער האָט דערהערט זיין מאַמען זיך דרייען
אין צימער, האָט ער נישט געקענט עפענען די אויגן.

— מאַמע, מע זעט עפּעס? — האָט ער געפרעגט האַלב פון
שלאָף.

— וואָס זעט מען? — ענטפערט זיין מאַמע — מען זעט, אַז
ס'איז שוין באַלד ניין אַזייגער און איך האָב נאָך גאָרנישט געטאָן.

ווי פאַרשלאָפן ער איז נישט געווען, דערהערט „באַלד ניין
אַזייגער" האָט ער אויפגעריסן די אויגן מיט גוואַלד, אַראָפּ פון גע־
לעגער און —

אינדרויסן איז ווי שטענדיק.

דער ציימונגס פארקויפער רופט אוים די נעמען פון די פרי־מאָרגן־צייטונגען, פרויען גייען מיט די קוישלעך אין מארק אריין, און די זון?

יאָ, די זון איז ווי אלע אינדערפרי.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען ער שטייט אויף פרי, — האָט מען אים שפעטער געזאָגט — און וואָלט געקוקט דורך א פארויכערט גלאָז, וואָלט ער געווען געזען די ליקעכאמע.

אָבער פרויקע האָט זיך אלצאיינס געפילט אָפגענארט, אנטוישט. נישט דאָס האָט ער געמיינט!



ראַדיאָ

סאָרעלע האָט ליב, אז איר מאמע פרעגט איר וויפל ס'איז דער זייגער. און איר מאמע פארשאפט איר דעם פארגעניגן און פרעגט איר מערערע מאָל ווי זי דארף בעמעס וויסן.

סאָרעלע קומט צוריק און זאָגט:

„דער קליינער וויזער איז בא דריי און דער גרויסער — בא עלף".

ווייסט שוין איר מאמע, אז סע פעלן פינף מינוט צו דריי. און אזוי קומט סאָרעלען אוים צו ווייזן, אז זי קען שוין קוקן אפן זייגער.

און יעדן פארנאכט, ווען דער קליינער וויזער איז פאר זעקס און דער גרויסער דערנענטערט זיך צו צוועלף, שטייט שוין סאָרעלע אפן טירל פון דער גאס און ווארט אף איר טאטן, וואָס קומט אין דער שאָ פון דער ארבעט.

אָבער דאָסמאָל האָבן שוין ביידע וויזערס פון זייגער לאנג אריבערגעשפאנט דעם „זעקס", וואָס געפינט זיך נידעריקער פון אלע ציפערן אפן ציפערבלאט. אויך די זון האָט זיך אראָפגעלאָזט נידעריק און די שאָטנס האָבן זיך אויסגעצויגן לענגער. סע הויבט שוין אָן ווערן טונקל און איר טאטע קומט אלץ נישט. סאָרעלע לויפט פון טירל

צום זייגער און צוריק און קען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס איר טאַטע פאַרשפּעטיקט היינט.

שוין העט, שפּעט, האָט סאָרעלע אין דער פינצטער דערקענט איר טאַטן אַפּירקומען פון הינטערן ראָג מיט א פירעקיקן פּאַק. זי איז אים געלאָפן אנטקעגן און אפילו נישט געהערט ווי איר מאַמע שרייט איר נאָך: „לויף נישט! דו וועסט פאַלן״.

זי האָט זיך געפרייט מיט איר טאַטן, געוואָלט וויסן פאַרוואָס ער איז היינט געקומען אזוי שפּעט און — וואָס האָט ער אין פּעקל?

— מאָרגן! — וויל איר טאַטע זי מאַכן נייגעריק.

סאָרעלע קען נישט טרעפן. ערשט ווען ער האָט אויפגעפּאַקט דאָס פּעקל, האָט זי דערזען א שפּאָגל-נייעם און שיינעם ראַדיאָ-אַפּאַראַט.

סאָרעלע איז גלייך געלאָפן זאָגן די בשורה אירע כאַווערטעס.

אָך, ווי סאָרעלע פלעגט מעקאַנע זיין אירע כאַווערטעס, בא וועמען אין שטוב ס׳איז געווען א ראַדיאָ. און זי פלעגט נישט איין-מאָל בעטן איר טאַטן ער זאָל קויפן א ראַדיאָ.

— סע זיינען פאַראַן בילכערע זאַכן צו קויפן ווי א ראַדיאָ — פלעגט טאַינען איר טאַטע.

— איך וויל א ראַדיאָ! — האָט זי זיך געהאַלטן בא אירן.

— נו, און שיכעלעך ווילסטו נישט? — טאַינעט איר טאַטע — אָט בלייבסטו דאָך באַלד א באָרוועסע.

— ניין, שיכעלעך נישט—א ראַדיאָ! אַלע קינדער האָבן ראַדיאָס!

— אָט גייסטו שוין דעם צווייטן ווינטער אָן א מאַנטעלע און איך קען דיר אַלץ נישט קויפן.

— אז איך דאַרף נישט קיין מאַנטעלע — טאַינעט סאָרעלע— א ראַדיאָ!

איר טאַטע האָט איר אַלץ נישט געקענט צוליב טאָן. אָט אַרבעט

ער, פאַרדינט נישט שלעכט און באַלד בלייבט ער אָן אַרבעט. צי אַ נישט קומט אונטער אַ שטרייק און — עס פעלן שוין נויטיקערע זאַכן ווי אַ ראַדיאָ.

אָבער אַף אַלץ קומט אַ צייט און סאָרעלע קען זיך שוין באַ-רימען, אַז איר ראַדיאָ איז גרעסער ווי כאַיעלעס.

סאָרעלע איז שוין נישט אָפּגעטראָטן פון ראַדיאָ און כאָטש זי האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון דעם וואָס דער ראַדיאָ האָט אַלץ גערעדט, איז זי געזעסן צוזאַמען מיט אירע טאַטע-מאַמע ביז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

אַפן צווייטן טאָג, ווען איר טאַטע איז נאָר אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט באַם ראַדיאָ. באַ יעדן דריי דאָס קנעפּל, האָט דער ראַדיאָ אַרויסגעלאָזט אַ גרילצנדיקן ריטש, וואָס איז באַלד ווי דערוואָרגן געוואָרן. און ווען ער האָט אָנגעטראָפן אַף איינעם, וואָס האָט גערעדט, האָט איר טאַטע אָנגעשטעלט מויל און אויערן און אינגאַנצן פאַרגעסן אין סאָרעלען. ער האָט זיך שוין נישט געשפּילט מיט איר, ווי אַלע פריערדיקע טעג. און ווען סאָרעלע האָט אים עפּעס געפרעגט, האָט ער, אַן אויפגערעגטער, געגעבן אַ געשריי:

— שווייג! לאָז מיך הערן!

— מען טאָר שוין גאָר קיין וואָרט נישט אויסריידן? — האָט סאָרעלע מיט ווייטיק געזאָגט.

איר טאַטע האָט זיך צעשמייכלט און זיך שוין געבעטן באַ איר:

— איך וויל דאָך הערן, וואָס מען רעדט, — און האָט זי איבער-געבעטן מיט אַ קוש.

ער האָט זי זייער ליב, איר טאַטע. און שפּילט זיך מיט איר אָפט, נאָר ווען ער לייענט אַ צייטונג, ווייסט שוין סאָרעלע, אַז זי טאָר אים נישט איבערשלאָגן. זי וויל נאָר ער זאָל איר דערציילן, וואָס ער לייענט, שמייכלט ער און זאָגט: „דערנאָך", „שפּעטער".

צי ווען עס קומען איר טאַטנס כאַווירים, ווייסט שוין סאָרעלע, אַז באַלד הויבט מען אָן ריידן אָן א סאָף. שאָענלאַנג ווערט זיי נישט נימעס צו ריידן וועגן זאַכן, וואָס זי פאַרשטייט גאָרנישט. נאָר מען היצט זיך און קוים גיט זי עפּעס א פרעג, ענטפערט איר טאַטע בייז:

— וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז ווען גרויסע ריידן, דאַרף קיין קינד זיך נישט אַריינמישן!

בלייבט זי אַליין, סאָרעלע, און טראַכט: „ווען זשע ריידן זיי נישט, די גרויסע? שטענדיק ריידן זיי און זי טאָר קיין וואָרט נישט אויסריידן".

און זי באַקומט פיינט איר טאַטנס כאַווירים, האָט נישט ליב די צייטונג און איצט — אויך דעם ראַדיאָ, כאָטש זי האָט אַזוי לאַנג געבעטן מען זאָל קויפן א ראַדיאָ.

יעדע פרייע מינוט, אַפילו באַם עסן, שטעלט איר טאַטע אָן דעם ראַדיאָ. וואָלט ער אָבער, געהערט מוזיק צי געזאַנג, וואָלט סאָרעלען אויך געפעלן. ער הערט אָבער, בלויז ווי מען רעדט עפּעס רייד און ווערטער, וואָס זי הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין.

און סאָרעלע באַמערקט אויך ווי איר טאַטנס אויסדרוק פון פּאָנים ענדערט זיך אַלע ווײַלע. אָט ווערט עס פריילעך, די אויגן צעגלאַנצן זיך פון פרייד און אָט ווערט ער טרויעריק, דער ביסן אין מויל בלייבט אים שטיין און ער עסט נישט מער.

איינמאָל איז איר טאַטע געוואָרן אויפגערעגט, פאַרדרייט דעם ראַדיאָ און נישט געוואָלט הערן מער.

האָט סאָרעלע געבעטן איר טאַטן, ער זאָל איר דערציילן, וואָס ער הערט אין ראַדיאָ. איר טאַטע האָט זי אָנגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט זי ביז איצט נישט באַמערקט און — שוין א באַרואיקטער — אָנגעהויבן צו דערציילן:

„ס'איז פאַראַן א לאַנד. נישט נאָענט און נישט ווייט איז דאָס

דאָזיקע לאַנד. די מענטשן פון דעם לאַנד זיינען גוטע. די איינציקע זאָרג זייערע איז שטענדיק געווען, אז אלע מענטשן זאָלן לעבן גוט. באזונדערס האָט מען דאָרטן ליב געהאַט די קינדער. מען האָט אלע מאָל אויסגעטראכט נייע זאכן פאַר די קינדער. מען האָט געבויעט גרויסע און ליכטיקע שולן, שיינע פּאַרקן און שפּיל־פּלעצער.

די מענטשן האָבן געאַקערט די ערד, פאַרזייט קאָרן און ווייץ און געוואַרט אַפן טאָג ווען זיי זאָלן קענען שניידן די טוואוּע.

אָבער אין איינער א נאכט, ווען די פרידלעכע איינוואוינער זיינען געשלאָפן רואיק, זיינען זיי באפאַלן געוואָרן פון א צווייט פאָלק, וואָס האָט געוואוינט בא דער גרענעץ. א סאַך פון די פרידלעכע איינוואוינער זיינען געהארגעט געוואָרן. אויך זייערע קינדער. די היימען זייערע און די פעלדער זיינען צעשטערט געוואָרן פונעם סוינעם באָמבעס.

האָבן די גוטע איינוואוינער פונעם פרידלעכן לאַנד גענומען געווער און — עס קומט פאַר א גרויסער און שרעקלעכער קאַמף צווישן די מענטשן פון יענעם גוטן לאַנד מיט די בייזע און שלעכטע אַנפאַלער. דאָס הייסט „מילכאָמע".

אלע מענטשן פון דער גאַרער וועלט ווילן, אז די גוטע איינוואוינער פונעם פרידלעכן לאַנד זאָלן געווינען די מילכאָמע.

דורכן ראַדיאָ הער איך ווי עס גייט צו דער קאַמף און ווער עס געווינט..."

סאָרעלעס טאַטע האָט איבערגעריסן דאָס דערציילן, ווייל ער האָט דערזען, אז זיין טאָכטערס אויגן זיינען אַנגעלאָפן מיט טרערן און — ער האָט זייער נישט ליב זי צו זען וויינען.

סאָרעלע האָט נישט פאַרשטאַנען אלץ, וואָס איר טאַטע האָט איר דערציילט. נאָר פון דעמאָלט אָן ווען איר טאַטע הערט דעם

ראַדיאָ, דערקענט זי לויט זײַן פּנים ווער עס זינגט: די גוטע צי די שלעכטע. און זי פֿרייט זיך צוזאַמען מיט איר טאַטן און ווערט טרויעריק גלײַך מיט אים. זי שטערט אים שוין נישט. און ווען ער איז אַמאָל נישטאָ בײַם ראַדיאָ און זי הערט אין ראַדיאָ דאָס וואָרט „מילכאָמע", לויפֿט זי אים רופֿן:

— „טאַטע, גיכער, ס'ע רעדט די מילכאָמע!"



אַ לופט־רייזע אין... טראַמוויי

דער טראַמוויי, אַן איבערגעפּאַקטער, האָט זיך געשלעפּט מיד און שלעפעריק איבער די שטילע און שוואַך באַלויכטענע גאַסן.

ווי פליגן ארום זיסוואַרג איז דער טראַמוויי געווען באַהאַנגען און באַקלעפּט מיט פּאַסאַזשירן. אַף דער פּלאַטפאָרעם, אַף די טרעפּלעך און אינעווייניק — קאָפּ אַף קאָפּ, איינער טרעט אָן אַפן צווייטנס הינער־אויגן, מיט די עלנבויגנס אין יענעמס זייטן. אומעגלעך זיך צו באַוועגן, אומעגלעך אפילו אָפּצושטייגן.

דער קאָנדוקטאָר קאָן זיך קיין אייצע נישט געבן, האַלט אין איין בעטן, מען זאָל זיך רוקן פאָרויס, מאַכן פּלאַץ פאַר אַנדערע. די פּאַסאַזשירן, מיט פאַרמאַטערטע געזיכטער, ענטפערן מיט פאַר־ביטערונג:

— וואוהין נאָך קען מען זיך רוקן? מיר זיינען דאָך שוין צונויפגעפּרעסט ווי סאַרדינעס.

אַנדערע האָבן נאָך נישט פאַרלאָרן דעם כיישעק זיך צו באַכמענען:

— סאַרדינעס זיינען היינט טייערער ווי מענטשן...



א פרוי, מיט אן איינגע-שלאָפן קינד אף די הענט, וויל זיך דורכשלאָגן א וועג צום ארויסגאנג. זי איז שוין אָפּגע-פאָרן צוויי קווארטאלן ווייטער פון דער גאַס, וואו זי דאַרף אויסשטייגן.

— דורכן פענצטער — כאָכ-מעט זיך אימיצער.

צווישן די מער מאַזלדיקע, וואָס פאַרנעמען די צוויי און דרייסיק זיצפּלעצער, זיינען גע-ווען לייבל און זיין מאַמע. א פּאָר טריט ווייטער, אין ענג-שאַפט, שטייט לייבלס טאַטע, האַלט זיך צו בא א רימענדל, און קוקט פונוויטנס צו זיין ווייב און קינד.

לייבלען איז אפילע געלונ-גען צו קריגן א פּלאַץ באַם אָפּע-נעם פענצטער. ס'איז אָבער אומעגלעך עפּעס צו זען איבער די געדיכט-באַבוימטע אַלייען, וואָס מאַכן נאָך שוואַרצער די פינצטערניש. שלעפערט עס אים און ער האַלט אין איין געניצן.

עס איז שוין מאַקע היפּש שפּעט און די מעבייעדיקע, פרי-לינגדיקע לופט פאַרשיקערט, מאַכט שווער דעם קאָפּ, ווי ער

וואָלט געוועזן אָנגעגאָסן מיט בליי. לייבל דערפילט ערשט איצט, ווי מיד ער איז. עפּעס א קליינינקייט, וואָס ער איז זיך היינט אָנגעגאַנגען!

באלד נאָכמיטיק זיינען זיי אראָפּגעפאָרן קיין באלנעאריאָ, ס'ערשטע מאָל פאַר דעם זומער.

טויזנטער מענטשן מיט זייערע פאמיליעס האָבן געשפּאצירט אף דער ראמבלע. אנדערע האָבן זיך אָנגעלייגט אפן מאסיוון, בעטאָנענעם פאָרענטש און שאָענלאנג נישט אראָפּגענומען די אויגן פונעם יאם, וואָס איז, דאכט זיך, שענער, פּרעכטיקער ווי שטענדיק; א לייכט ווינטל האָט געוונצלט די כוואליעס, אָנגעווייעט מיט גרוסן פון ערגעץ ווייט. לייבלען האָט זיך פארבענקט נאָך ווייטע לענדער, וואָס ער קען נאָר פון דער געאָגראפיע און פון הערן ווען זיי.

אייזקרעם־פארקויפערס האָבן ארומגעשמייעט מיט זייערע רויטע און ווייסע קעסטעלעך, געררייצט קינדערישע אפּעטיטן און טאטעס האָבן נאָכגעגעבן, זיי צופרידנגעשטעלט, נישט געקוקט אף די מאמעס פּראָטעסטן און טאינען, אז „ס'קינד קען זיך נאָך, כאָלילע, פארקילן".

קליינוואַרג האָט באלאגערט די פארשידענע שפּילערייען, קארוסעלס. מער פון אלץ זיינען לייבלען געפעלן די עראָפּלאנען, וואָס זיינען גרויס ווי עמעסע עראָפּלאנען און דרייען זיך מיט א שווינדלדיקער שנעלקייט אין איין קרייז.

— אך, ווי ער וואָלט געוואָלט כאָטש איין מאָל פליען מיט אזא עראָפּלאָן! — סע קאָסט אָבער א מאיאָנטעק, פופציק סענט א פלי. „ווען ער וועט זיין א גרויסער — טראכט ער זיך — און וועט שוין אליין פארדינען געלט, איז די ערשטע פופציק סענט, וואָס ער וועט פארדינען, וועט ער אויסגעבן אף אזא פלי".

ער האָט זיך אזוי פארקוקט אף די עראָפּלאנען, אז זיין טאטע־

מאַמע האָבן אים שיר נישט פאַרלאָרן אין דעם גרויסן מענטשן-געווירבל.

לייבל דערמאָנט זיך דאָס אַלץ, און דער טראַמוויי הוידעט, פאַרוויגט אים, קלעפּן זיך אים די אויגן-לעפּלעך און — — — —

ער הויבט נישט אָן פאַרשטיין, פאַרוואָס זיין טאַטע שטייט און האַלט זיך אָן אין רימענדל.

— זעץ דיך אוועק, פאַפּא, אין עראָפּלאַן איז דאָ פּלאַץ פאַר צוויי.

אַזוי זאָגט לייבל צו זיין טאַטן, און ער פילט, אַז דער עראָפּלאַן הויבט זיך אויף אַלעמאָל העכער. דורכן פענצטער זעט לייבל ווי זיי פליען צווישן צוויי בלויקייטן — הימל און יאַם. פון האָריזאָנט הויבן זיך אָן אַרויסשליכן בלייכע שאָטנס. באַלד ווערן זיי פאַר-וואַנדלט אין ריזיקע בערג. און שנעל, ווי אַפן קינאָ-לייוונט, בייטן זיך די לאַנדשאַפטן, שטעט און לענדער. און דער טאַטע זיינער (ווי קומט צו זיין טאַטן דעם לערערס שטים?), דערקלערט אים אַלץ:

— דו זעסט דעם האַלב-אינדזל, וואָס שניידט זיך אַריין אין מיטלענדישן יאַם אין פאָרעם פון אַ שטיוול, דאָס איז „שטיוואַליע", דאָס לאַנד ווערט אונטערדריקט פון אַ זעלנערישן שטיוול.

דער אַווירן פליט איבער אַ צווייט לאַנד.

— קוק זיך צו צו דעם לאַנד. קיין מענער זעט מען אין ערגעץ ניט. די מענער זיינען געגאַנגען באַרויבן פרעמדע לענדער און קומען שוין נישט צוריק לעבעדיק. די פרויען טראָגן קליידער פון צוויי קאָלירן — שוואַרץ און ברוין. אַלע שפּאַנען דאָ „אין פוס", זיי רופן עס „געבנזנמאַרש". דאָס לאַנד הייסט „בייטשלאַנד".

— און דאָס, וואָס איז פאַר אַ לאַנד? — האָט לייבל געפרעגט אַף אַ גרויס לאַנד, וואָס האָט גאָר קיין גרענעצן נישט.

און לייבלס טאַטע — אַלץ מיט דעם לערערס קאָל — ענטפערט אים:

— אהין קען מען איצט נישט פליען, ווייל דאָרט ווערט יעדער פּרעמדער עראָפּלאַן איצט אויפגענומען מיט קאַנאָנען.

לייבל ווייסט א סאך וועגן דעם לאנד. ער האָט זיך גענוג אָנגע-הערט וועגן קאמף, וואָס קומט דאָרט פאָר קעגן די אָנפּאלער, וואָס ווילן כאַרעווו מאכן די גאנצע וועלט.

א שאָד, א גרויסער שאָד, וואָס דער עראָפּלאַן קען אהין נישט פליען!

דער עראָפּלאַן הויבט זיך אויף העכער, שניידט זיך אריין אין די וואָלקנס. פארשנעלערט דעם גאנג. לייבל האָט נאָך געוואָלט פליען צו דעם לאַנד וואו זיין טאטע איז געבוירן, וואו עס וואוינען זיינען זיידע-באָבע, פעטערס, מומעס, האָט ער אָבער דערפילט א שטארקן טרייסל און — — — — זיך אויפגעכאפּט.

...דער טראמוויי איז שוין באלד ליידיק. נאָר געציילטע פּאסא-זשירן דרימלען אף די בענק.

— באלד דארפן מיר אָפּשטייגן — האָט געזאָגט זיין טאטע.

לייבל האָט זיך געריבן די אויגן. ס'האָט אים אלץ אויסגעזען ווי פון אן אנדער וועלט.

:: :: ::

דעם צווייטן טאָג, אין שול, אף דער שאָ פון געאָגראפיע, האָט דער לערער ארויסגערופן לייבלען צו דער לאנדקארטע.

לייבל איז פארעכנט צווישן די בעסטע שילער פון זיין קלאַס. ער צייכנט זיך באזונדערס אויס אין אריטמעטיק און געאָגראפיע. דאָס מאָל, אָבער, האָט ער אלעמען איבעראַשט.

פלינק און זיכער האָט ער ארומגעשפּאצירט מיטן לאנגן טייטל איבער דער מאפּע פון אייראָפּע:

„די אייראָפּעאישע ברעגן ווערן באַוואַשן: אין מייערעוו — פון

אטלאנטישן אָקעאַן, אין צאָפן — פון דעם ארקטישן אָקעאַן, אין דאָרעם -— פון דעם מיטלענדישן יאם..."

אזוי נאָכאנאנד, ווי פון א ביכל ארויס, ווי א ליד אן איינגע-כאזערטע.

אימיצער פון די שילער האָט א זאָג געטאָן:

— ער פילט זיך אף דער לאנדקארטע פון אייראָפּע, ווי בא זיך אין דערהיים. גלייך ווי ער וואָלט דאָרט געווען.

— עפשער בין איך טאקע געווען דאָרטן? — האָט לייבל געענטפערט און געשמייכלט.

רעזשעס *)

— 1 —

די גאס האָט זיך אויפגעכאַפּט פריער ווי שטענדיק. איבערגעוועקט האָט זי זיך איבער דעם געפילדער און קינדערשע קוילעס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן, גאָרנישט ווי געווייגלעך, פּאַרפּרי. רייבט זי זיך די אויגן און שטוינט, די גאס. זי הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין, צי כאָלעמט זיך איר, צי איז עס אין דער ווירקלעכקייט.

ווי קומען זיי אַזוי פרי אין גאס, אָט די פּויליאַקעס, די „פּעפּערס", וואָס האָבן ליב צו ליגן אַף די געלעגערס ביז האַלבן טאָג?

און גאָרנישט שלעפּעריק, אָן איין געניץ, ווי ס'איז זייער געוואוינהייט נאָכן אויפשטיין. נאָר מונטערע, לעבעדיקע און מען לויפט שוין און מען יאָגט שוין, ווער מיט אַ נייַ גלאַנציק-רויטן מאַנאַפּאַטין, ווער מיט אַ דריי-רעדלדיקן וועלאָסיפּעד.

פול איז די גאס מיט קליינוואַרג. און אַלע יאַנטעוודיקע און יעדער איינער מיט אַ נייַ שפּילצייג. איין קינד פירט אַ ליאַלקע אין אַ וועגעלע; אַ צווייטס שלעפּט אַ קאַמיאָנדל; אַ דריטס לייגט אַרויף אַפן

---

*) רעזשעס — צויבער־מעלאָכים, דער נאָמען פון אַ יאָנטעוו, ווען קליינוואַרג באַקומט אַ סאַך מאַטאָנעס.

אקסל א פידעלע, מאיסע פידלער, און באלד דערהערט מען מאָדנע גרילצנדיקע טענער.

יעדער איינער איז פארטאָן מיט זיין שפילצייג אָדער אין באַטראכטן דעם צווייטנס שפילעכלעך.

ווער איז איצט גלייך צו זיי?

אלע ווילע רופט אן אנדער מוטער ס'קינד עסן. אָבער ווער טראכט איצט פון פרישטיק? מען האָט פארגעסן אין אלץ.

עס איז היינט זייער טאָג. דער יאָנטעוו פון די קינדער.

:: :: ::

דער יאָנטעוו פון די קינדער איז היינט.

פארוואָס-זשע זיינען נישט אלע קינדער יאָנטעוודיק? ווי קומט עס, וואָס אייניקע קינדער שטייען בא דער זייט אָן שפילצייג און נעמען נישט קיין אנטייל אין „זייער" יאָנטעוו? איז עס דען נישט אויך זייער יאָנטעוו?

אפן טירל פון זייער וואוינונג שטייט די זיבניעריקע סאָרעלע. אירע בלאָנדע „פלעשעלעך" זאָרגפעלטיק איינגעדרייט, באהענגען איר ווייס פּענימל, ווי גלעקעלעך. און אירע שווארצע אויגן, ברייט צעעפנטע, קוקן צו די פרייד פון די אנדערע קינדער.

עפּעס קען סאָרעלע נישט פארשטיין. זי ווייסט, אז די אלע נייע שפילצייגן האָבן געבראכט דריי צויבער-מעלאָכים מיט לאנגע בערד. זיי קומען צו רייטן אף קעמלען באנאכט, ווען די קינדער שלאָפן, און ברענגען מאַטאָנעס פאר די קינדער, וואָס פירן זיך אויף גוט.

פארשטייט נישט סאָרעלע. עפּעס פילט זי, אז דאָ איז פאָרגעקומען א טאָעס.

פארוואָס האָבן איר די צויבער-מעלאָכים גאָרנישט געבראכט? ציפירט זי זיך דען אויף ערגער ווי אלע קינדער? פארקערט, אלע האלטן זי פאר דער שטילסטער. אין קלאַס איז זי די בעסטע שילערן. און אין דער צייט, וואָס איר מאמע איז בא דער ארבעט, היט סאָרעלע

אַפּ די שטוב און טוט אַפּ ארבעטן, אף וואָס די מאמע בלייבט דער-שטוינט.

— דו ביסט דאָך שוין א גרויסע מויד — זאָגט איר די מאמע שטענדיק באם אהיימקומען און באדעקט סאָרעלען מיט קושן.

און דאַווקע יענע קינדער, וואָס האָבן מיט יעדן צו טאָן, דאַווקע זיי האָבן די בעסטע שפּילצייג.

פארוואָס-זשע האָבן די צויבער-מעלאָכים איר גאָרנישט גע-בראכט? זי פילט, אז ס'איז קעגן איר באגאנגען געוואָרן אן אוולע. איר פּעניטל איז צעקרימט פון וויטיק. זי וואָלט זיך וועלן אויסוויי-נען פאר איר מאמען, עפּשער ווייסט די מאמע, פארוואָס די צויבער-מעלאָכים האָבן זי אזוי באליידיקט?

פארוואָס?

— 2 —

סאָרעלע איז נישט די איינציקע. עס זיינען פאראן נאָך קינדער, וואָס האָבן נישט קיין נייע שפּילצייג.

אָט האָט אויך שלוימעלען אויפגעוועקט דער געריוש פון די קינדער און ער קוקט אויך צו זייער כאַווייריםס פרייד.

אָבער שלוימעלע איז נישט בערוגעז אף די צויבער-מעלאָכים. שלוימעלע ווייסט, אז עס זיינען קיין צויבער-מעלאָכים אינגאנצן נית פאראן. ער ווייסט, שלוימעלע, אז דאָס האָבן די טאַטעס און מאַמעס נעכטן איבערגעפּולט די געשעפטן באם איינקויפן די שפּילצייג. איי-ניקע עלטערן האָבן אָפּגעשפּאָרט דעם ביסן פונעם מויל אבי צו פארשאפן די קינדער דעם פארגעניגן. אנדערע עלטערן, אָבער, האָבן עס בא זייער בעסטן ווילן, נישט געקענט באווייזן.

אויך שלוימעלעס טאַטע-מאַמע נישט.

אָבער נישט קיין צויבער-מעלאָכים האָבן עס געבראכט. נישט אים וועט מען דערציילן אזעלכע זאכן. נאָך קליינערהייט (איצט איז ער שוין א גרויסער, עס פעלט אים נאָך א יאָר צו די ניין...) ווען מען פלעגט אים וועלן איבערשרעקן מיט א „בערעלע בו", מיט א „קוקאָ",

פלעגט ער נישט מוירע האָבן. ניט אים וועט מען דערציילן זאכן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

איצט, ווען ער הערט די קינדער ריידן פון די צויבער-מעלאָכים, שמייכלט ער ווי א גרויסער, וואָס פארשטייט מער פון זיי, די קליינע העווריקעס...

שלוימעלע ווייסט אלץ. ער ווייסט, אז ווען זיין טאטע ארבעט, וואָלט ער, שלוימעלע, אויך געהאט נייע שפּילצייג.

אָבער זיין טאַטע אַרבעט נישט.

אזוי האָט שלוימעלע פארשטאנען און געטראכט. אָבער ווען ער איז ארויסגעקומען אין גאס און דערזען די אלע נייע זאכן, איז ער געוואָרן אומעטיק און נאָכגעקוקט יעדן איינעם, וואָס האָט זיך גע־לערנט אף זיין ביציקלעט אָדער מאָנאָפּאַטין.

— עך, — האָט שלוימעלע געטראכט — ווען איך האָב יענעם ביציקלעט. איך וואָלט דאָך געפלויגן מיט אים. צי כאָטש יענעם מאַ-נאָפּאַטין, מיט וועלכן כאימל מוטשעט זיך. איך וואָלט זיך דאָך פארמאָסטן אין א גערעג מיטן אָמניבוס.

ארויסגעקומען איז איציקל „פּעמפּיק”. א קיילעכדיק גראָב יאטל מיט א פייקל אפן בויך און געקלאפּט מיטביידע שטעקעלעך, אז מען האָט געקענט טויב ווערן.

— אנו, ווייז נאָר אהער אף א מינוט — האָט אים שלוימעלע געבעטן.

שלוימעלע האָט איבערגענומען דאָס פייקל, עס אָנגעטאָן מיטן לעדערנעם פאסיק אפן האלדז און עס האָבן זיך א שאָט געגעבן ריט-מישע דריבנע קלעפּעלעך, גלייך ווי א רעגן וואָלט געקלאַפּט אף א בלעכענעם דאָך.

טאך־טאראך, טאך-טאראך, טאטאראטא, טאטאראטא, טאטא... ווי מיט אן עמעסער פויק.

קינדער האָבן פארגעסן אין זייער שפּילצייג. מען האָט זיך ארומגעשטעלט ארום שלוימעלען. ביציקלעטלעך און מאָנאָפּאַטינען

זיינען זיך צונויפגעפאָרן ארום אים. און אלע זיינען געבליבן מיט אָפענע מיילער זעענדיק מיט וואָס פאר א פלינקייט שלוימעלע פייקלט עס אויס.

א פייקל מיט איין שטעקעלע, צוויי פייקלען מיטן צווייטן. שלוימעלע האָט גאָר פארגעסן, אז ס'איז נישט זיין פייקל.

איציקל פעמפיק איז געשטאַנען בא דער זייט, זיך געפילט גע־פאלן. האָט ער געפּרוּווט אָפנעמען דאָס פייקעלע.

— גיב אהער, איצט ווייס איך שוין ווי אזוי.

אָבער מער ווי עטלעכע אָנגעוואָרפענע קלעפּ איז אים נישט געלונגען.

איז ער שטיין געבליבן בא דער זייט, גלייך מיט אלע, און שלוי־מעלע האָט פלינק געפייקלט מיט די שטעקעלעך. עס האָט זיך גע־דאכט, אז ער שפּילט אויס א מעלאָדיע אָדער א מאַרש. די פינגער האָבן געארבעט ווי פון זיך אליין. ס'האָט זיך אים געדאכט, אז ער וואָלט זיי נישט געקענט אָפּשטעלן, ווען ער וויל אפילע.

די כעוורע האָבן באוואונדערט שלוימעלען. און ער? — ער האָט גאָר פארגעסן, אז מען האָט אים גאָרנישט געקויפט. ער האָט שוין אויך פארגעסן אין פרישטיק.

ס'איז שוין געוועזן אויך זיין יאָנטעוו.

וואָס שיינדעלע האָט ליב . . .

שיינדעלע איז א פארשטענדיק קינד. ווערליק איר עלטער — צו פארשטענדיק. איר מאמע זאָגט טאקע:

„בעסער וואָלט זי געווען א ביסעלע ווייניקער קלוג!"

זי זאָגט אזוי, שיינדעלעס מאמע, ווייל שיינדעלען קען מען נישט אָנשרעקן, ווען ס'לוינט, מיט א „בערעלע" צי מיט א פּאָליציאַנט.

כוצדעם האָט שיינדעלע א פּאָר קלוגע אויגן און א איראָנישן שמייכל, ווי איינער זאָגט: „איך פארשטיי מערער פון דיר".

אָט דעם שמייכל האָט שיינדעלע ארומגעטראָגן א טאָג פאר „רעזשעס". אירע כאווערטעס האָבן גערעדט וועגן די דריי צויבער-מעלאָכים מיט די לאנגע ווייסע בערד, וואָס קומען באלאָדן מיט שפּילצייג און ברענגען יעדן איינעם, וואָס ער מאָנט בא זיי.

שיינדעלע האָט געשמייכלט ווי א גרויסע.

— און דו, שיינדעלע? — האָט מען איר געפרעגט — האָסט שוין געשריבן א בריוו צו די רעזשעס?

— א שאָד דאָס פּאפּיר! — האָט זי געענטפערט ווי א דערוואקסענע.

— ס'מאַכט נישט — האָט מען זי נישט צורו געלאָזט — די צויבער-מעלאָכים וויסן אליין, וואָס יעדערער וויל און וואָס יעדערער האָט ליב, ברענגען זיי אפילע ווען מען שרייבט זיי נישט...

און אזוי איז אויך געשען...

דעם צווייטן אינדערפרי, ווען שיינדעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, גענומען אָף זיך דאָס קליידעלע און געוואָלט אָנטאָן די שיכעלעך, האָט זי זיי נישט געטראָפן אָף זייער שטענדיקן פּלאַץ, אונטער איר בעטל.

— עפשער האָבן די צויבער-מעלאָכים אליין ארויסגעטראָגן די שיכעלעך? — האָט מען איר געזאָגט.

און זי האָט טאַקע געטראָפן אירע שיכעלעך אָף דער שוועל און אין זיי — טאַקע דאָס, וואָס זי האָט ליב! — אין די שיכעלעך איז געווען א... קאַרטאָפל.

ווען שיינדעלע האָט דאָס דערזען, האָט זי זיך אזוי צעלאַכט, עפשער לאַכט זי נאָך...



אין אַ זונטיק אינדערפרי

קימאט יעדן אינדערפרי, ווען שיינדעלע כאפט זיך אויף, טרעפט זי קיינעם נישט אין צימער. דער טאטע אירער איז שוין לאנג אוועק צו דער ארבעט און די מאמע איז מיינסטנס אין קיך.

גלוסט זיך שיינדעלען, מאכט זי דער מאמען א איבעראשונג; זי כאפט זיך אראָפּ א האלב־נאקעטע און באָרוועסע און לויפט אריין צו איר אין קיך אריין. די מאמע ווערט דערציטערט: „וואָס טוסטו?" — שרייט זי — דו וועסט זיך דאָך פארקילן!" און שיינדעלע לאכט אף א קאָל פון דער מאמעס דערשרעקן זיך. און אז זי וויל נישט איבערשרעקן איר מאמען — בלייבט זי אָפט ליגן אפן געלעגער און כעזשבנט, וויפל טעג עס פעלן נאָך ביז זונטיק. א גאנצע וואָך קוקט זי ארויס אפן זונטיק.

— מאמיטא — שלאָגט זי נישט איינמאָל איבער איר מאמען אין דער ארבעט, — א יאָ היינט, נאָך א טאָג און נאָך א טאָג וועט זיין זונטיק?

און שטענדיק קומט ער טאקע אָן, דער דאָזיקער טאָג. סע גייט אוועק נאָך א טאָג און נאָך א טאָג און אָט איז זונטיק.

זי עפנט די אייגעלעך, סע איז שוין היפשער טאָג, טרעפט זי דעם טאטן אירן אפֿן געלעגער (ער וויל כאָטש איין טאָג אין דער וואָך זיך אויסגלייכן די ביינער, ליגן אביסל שפּעטער). שיינדעלע שפּרינגט אראָפּ פון איר בעטל. שטיל, אױף די שפּיץ פינגער קריכט זי צו צום טאטן און שרעקט אים איבער: „בוהו!" — ער נעמט זי דאן ארויף צו זיך און סע הויבט זיך אָן דער זונטיק.

זי זינגט אים אוים די נייע לידעלעך וואָס זי קען און ער דער-ציילט איר ווי אזוי זי פלעגט ריידן, ווען זי איז געווען א קליינע (איצט איז זי דאָך שוין א גרויסע!... עס פעלן איר נאָך דריי כאדאָשים צו פינף יאָר!). ער דערציילט איר, ווי זי פלעגט זאָגן „טוטו" אױף א פייפעלע „טשוויי" אָנשטאָט צוויי, און „זשיידע פופו" — דער זיידע רויכערט. און נאָך און נאָך דערציילט ער איר. און שיינדעלע קאַ-טשעט זיך פאר געלעכטער.

די קוילעס און געלעכטערס גרייכן ביז אין קיך אריין, פונוואַנען ס'קומט צולויפן די מאמע מיט א מיקלומערשטער רוגזע:

„קוק זיי נאָר אָן, כ'בעט אייך, סע איז שוין אבצן אזייגער, די גאנצע וועלט איז שוין אויפגעשטאנען, און דער טאטע מיט דער טאָכטער מיינען, אז סע איז ערשט טאָג געוואָרן".
הויבט מען זיך אָן אָנטאָן.

שיינדעלע קען זיך שוין אפילע אליין אָנטאָן אויך, אָבער זי האָט ליב, אז דער טאטע טוט זי אָן. אלץ קומט בא אים ארוים קאפויער. זי לאכט אזוי ווי אזא גרויסער טאטע, ווייסט נישט ווי אזוי אָנצוטאָן. זי רוקט אומיסטן אונטער איר אָנטועכץ אױף דער לינקער זייט און — סע איז שוין דאָ פון וואָס צו לאכן.

ווען דער טאַטע אידער וואַשט זיך, גייט שיינדעלע צו צום גייעם בריוו-קעסטל וואָס איר טאַטע האָט געמאַכט, אָפּגעפאַרבט גרין און אָנגעשריבן מיט שיינע געדרוקטע אויסיעס: „בוסאָן״ *), און זי געפינט דאָרט די צייטונג און א בריוו. שיינדעלע קלאַפּט אָן אין דער טיר און מיט א גראָב געמאַכט קאָל גיט זי א געשריי: „קאַר-טעראָ״! **) אירע טאַטע-מאַמע קומען צולויפן „איבערגעשראָקענע״.

— דאָ וואוינט שיינדעלעס פאַפאַ? — פרעגט שיינדעלע.

— דאָ! — ענטפערן זיי ביידע מיט אמאָל.

— אָט האָט איר די צייטונג, און א בריוו פון שיינדעלעס זיידע!

דער טאַטע לייגט ארונטער די צייטונג אונטערן אָרעם, רייסט גיך אויף דעם קאָנווערט און הויבט אָן לייענען:

שיינדעלע וואַרט, שלאָגט אים נישט איבער. ער איז עפּעס טרויעריק געוואָרן, איר פאַפאַ. ערשט, ווען ער ענדיקט לייענען, פרעגט זי אים, וואָס שרייבט דער זיידע, צי האָט ער איר עפּעס געשיקט.

איר טאַטע, א גערירטער פון דעם בריוו און פון שיינדעלעס פראַגע, נעמט זי צו זיך אַף די קני און באַדעקט זי מיט קושן.

— קושן האָבן זיי דיר געשיקט, — זאָגט ער, — מערער האָבן זיי גאָרנישט. זיי האָבן אפילע נישט וואָס צו עסן.

שיינדעלע ווייסט שוין, אז מינאַסטאַס איז דאָרט א שטרייק. זי געדענקט, אז ערשט נישט לאַנג, ווען איר טאַטע איז געווען אין שטרייק, האָט ער נישט געאַרבעט און אז זי האָט עפּעס געוואָלט, האָט מען איר געזאָגט, אז ס׳איז א שטרייק. אָבער איצט אַרבעט

---

*) בוסאָן — בריוו-קעסטל.
**) קאַרטעראָ — בריוו-טרעגער.

איר טאַטע, קאָנען דאָך קומען צו זיי דער זיידע מיט דער באָבע, וועלן זיי עסן צוזאמען מיט זיי.

— זיי וואוינען זייער ווייט, — זאָגט איר דער טאַטע.

— אָבער דער אָמניבוס לאָזט זיי דאָך אַראָפּ בא אונדזער שטוב! — ענטפערט שיינדעלע.

צעשמייכלען זיך טאַטע-מאַמע און שיינדעלע טראַכט אַליין:

— אַך, ווען זיי וואָלטן געקומען, ווי גוט עס וואָלט געווען!

אין גאָרטן פון די כאַיעס איז רואיק...

(אַן עמעסע מאַיסע)

דאָס וואָס איך גיי איך דערציילן האָט פאסירט אין א הארבסטיקן מיטוואָך פון מאי 1943.

די בוענאָס איירעסער טומלדיקע אָוונט-צייטונגען האָבן דעם טאָג פארגעסן אין דער מילכאָמע; אין דער אויסשעכטונג פון טויזנטער מענטשן און זיינען ארוים מיט גרויסע אויפשריפטן:

„אין זאָאָלאָגישן גאָרטן איז צעווילדעוועט געוואָרן דער העלפאנט דאליא און די פאָליציי איז געווען געצוואונגען אים צו דערשיסן".

גרויסע האָבן עס געלייענט, געשמאָצקעט מיט די ליפן און באַדויערט דעם גוירל פון העלפאנט. און קליינוואַרג? — ס'איז מיר שווער איבערצוגעבן, וואָס אזוינס ס'האָט זיך אָפגעטאָן צווישן קליינוואַרג.

פון יעסן איז דאָך אָפגערעדט! ווער האָט עס געקענט אפילע

עפּעס נעמען אין מויל אריין, ווען מען האָט זיך דערמאָנט ווי ס׳איז אומגעקומען דער באַליבטער העלפאַנט דאַליאַ?!

קליינוואַרג האָט געהאַלטן אין איין וויינען, און נישט געקענט פארשטיין פאַרוואָס. פאַרוואָס האָט מען אים געשאָסן?

זיי האָבן יענעם אָוונט נישט געקענט אנטשלאָפן ווערן און ווען יאָ, האָבן זיי זיך אָפּט איבערגעוועקט פון שלאָף מיט א געוויין.

איך האָב נישט געוויינט. איך בין דאָך שוין א גרויסער. איך האָב גענומען מיין ארבעט-געצייג: מיין נאָטיץ-ביכל און פול-פעדער און בין אוועק אין זאָאָלאָגישן גאָרטן זיך דערוויסן, וואָס אזוינס עס האָט פּאַסירט.

און דאָס וואָס איך האָב זיך דערוואוּסט, גיי איך אייך דאָ דערציילן.

:: :: ::

שטיל און פרידלעך האָבן זיך געלעבט די איינוואוינער פון בוענאָס איירעסער זאָאָלאָגישן גאָרטן.

יעדער כאַיע און פויגל האָט געוואוינט דאָרט וואו ס׳איז איר באשטימט געוואָרן. ווער — הינטער גראַטעס; ווער — אין די נעסטן, געבויטע און צוגעגרייטע מיט אלע באקוועמלעכקייטן, צוגעפּאסט און ענלעך אף די וואוינונגען פון זייער געבוירנאָרט; ווער — שפּאַצירנדיק איבערן גרויסן פּארק.

שפּאַצירט זיך גאנצע טעג דער לייב, אזוי מאיעסטעטיש בא זיך אין שטייג. ליגט דער ווייסער בער צעלייגט און טראַכט וועגן די שנייען פון נאָרד-פּאָל. טאַנצן די מאַלפּעס ארום, קלעטערן אף די גלייכע ווענט און מאכן אַקראָבאַטישע קונצן; קאַטשקעס פליוסקען

זיך אין טייכל; די פּאווען שטאָלצירן מיט זייערע פילקאָלירנדיקע פּעדערן; די זעברע — מיט אירע שטרייפן; די הירשן — מיט די הערנער, די פאַרצווייגטע. און די זשיראַף שטרעקט איר האַלדז אין די וואָלקנס אריין.

שטיל און פרידלעך.

גיט אַמאָל א כאַיע א ברום איז אָן שום בייזע קאַוואָנע, נאָר גלאַט אזוי זיך, צו דערמאָנען אין ווילדן סטעפּ.

שטיל און פיין פירן זיי זיך אויף, די איינוואוינער פון זאָאָלאָגישן גאָרטן. פאַלט נאָר צו דער אָוונט גייען זיי אַף זייער געלעגער און מען דאַרף זיך מיט זיי נישט מאַטערן, ווי מיט אונדזער קליינוואַרג, ביז וואַנען זיי ווערן אנטשלאָפן.

פון צייט צו צייט פלעגן זיך דערטראָגן צו זיי קלאַנגען, אז בא די צוויי־פיסיקע, בא די מענטשן, פירט מען זיך אַנדערש; אז איין מענטש באַפאַלט דעם צווייטן, אז מען הארגעט זיך, מען שיסט זיך. האָבן די כאַיעס נישט געקענט פאַרשטיין:

— ס׳אַרא מאָדנע באַשעפענישן זיינען די צוויי־פיסיקע? נאָך וואָס דאַרפן זיי עס?

אזוי האָבן געשטוינט די כאַיעס און מאָדנע באַטראַכט די מענטשן, וואָס פלעגן קומען אין געוויסע שאָען פון טאָג און אריינוואַרפן צו די כאַיעס ביסקוויטן, פיסטאַשקעס און אַנדערע נאַשערייען.

געכידעשט האָבן זיך אויך די כאַיעס, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז די מענטשן זיינען גאָרנישט אזוי מילד; אז דער מענטש טיילט זיך גאָרנישט מיטן צווייטן. פונוואַנען זשע אַזאַ מילדקייט?

האָבן די כאַיעס זיך טאַקע באַצויגן מיט פאַרדאַכט און אומ־

צוטרוי צו די מענטשלעכע געשאנקען און זיי גוט ארומגעשמעקט איידער זיי האָבן זיי אָנגענומען.

גאָר אנדערש האָבן די כאיעס באטראכט זייערע וועכטער. כאָטש צווויי-פיסיקע, זיינען זיי פון די כאיעס באטראכט געוואָרן ווי אייגענע, ווי כאיעס.

אזוי שטענדיק, אזוי לאנג.

דערפאר איז אזוי גרויס געווען אלעמענס שטוינונג און איבע־ראשונג ווען עס האָט זיך אינמיטן העלן טאָג דערהערט א ווילדער און בייזער געברום, וואָס האָט געמאכט ציטערן די ערד.

דאָס איז געשען אין יענעם הארבסטיקן מיטוואָך, וועגן וועלכן איך האָב אייך דאָ אָנגעהויבן דערציילן.

עפעס נישט קיין געוויינלעכס האָט פאסירט.

איינער פון די אָנגעזעענסטע איינוואוינער פון גאָרטן — דער העלפאנט דאליא — איז מיטאמאָל ווילד געוואָרן און אָנגעהויבן דראָען דעם וועכטער און די איבעריקע כאיעס, די שכיינים פון גאָרטן.

גרויס און ריזיק איז געווען דאליא. און ווי גרויס ער איז געווען, אזוי איז ער געווען מילד און צוגעלאָזט צו קליינוואַרג.

ווער פון די קינדער האָט אים דען נישט געקענט און נישט באַ־וואונדערט? מען האָט כמעט נישט געקענט אָפּרייסן פון אים. גאנצע שקארמיצן מיט ניסלעך און ביסקוויטן פלעגן זיי דאָרט איבערלאָזן. נאָך א באזוך בא דאליאן פלעגט זיי גאָרנישט איבערבלייבן פאר די מאלפּעס, וואָס מאכן אזעלכע שיינע קונצן. אפילו דאָס קארטאָנענע שאכטל פון די ביסקוויטן פלעגט דאליא ארייננעמען מיט זיין גרויסער נאָז.

ווי זשע קומט עס צו אונדזער דאַליאַן אַזאַ ווילד ווערן? ווי קומט עס ביכלאַל צו אַ פרידלעכער כאַיע פון זאָאָלאָגישן גאָרטן?

האָבן זיך די כאַיעס געכידעשט און — זיך געשעמט דערמיט.

שוין לאַנג, לאַנג, אַז אַזאַ זאַך האָט צווישן זיי נישט פּאַסירט. דאָס פּאַסט פאַר די מענטשן, אָבער נישט פאַר קיין אָנשטענדיקער כאַיע . . .

ווי אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן? ווי קומט צו אַ שטילער כאַיע אַזאַ ווילדקייט און בייזקייט, וואָס האָט אַזוי טרויעריק פאַרענדיקט איר יונג לעבן (העלפאַנטן, ווי באַקאַנט לעבן הונדערטער יאָרן). דאָס אַליין בלייבט אַ רעטעניש. עפּשער האָט דאַליאַ זיך פאַרבענקט נאָך זיין היים, אין דזשאַנגל? עפּשער גאָר נאָך די אייגענע?

ווער קען וויסן?

אַזוי האָבן גערעדט און דערציילט די כאַיעס פון בוענאָס-איירעסער זאָאָלאָגישן גאָרטן. איך האָב אַלץ אויסגעהערט און, וואָרט בא וואָרט, פאַרצייכנט אין מיין נאָטיץ-ביכל.

ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך זיי וואָלטן גערעדט און וואָס אַלץ די כאַיעס וואָלטן נאָך דערציילט, ווען עס דערהערט זיך נישט דאָס קלינגען פון אַ גלאָק און דאָס פליעסקען מיט די הענט פון די וועכטער, אַז ס'איז שוין צייט צו פאַרלאָזן דעם גאָרטן.

עס איז שוין געווען צוגעפאַלן דער אָוונט. עס האָבן זיך שוין געצונדן די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס האָבן ווי מיט קרעלן באַצירט און נאָך פאַרקישעפדיקער געמאַכט די שיינע פּאַלערמאָ-געגנט. די ציימונגס-פאַרקויפער האָבן שוין פול געמאַכט די גאַס מיט די נייַעס

פון די אָוונט-צייטונגען. אָבער די נייסן זיינען שוין געווען ווי אלע טאָג, מיט געוויינלעכער שריפט:

„אין די גאז־קאמערן פון מאידאנעק האָבן די נאַצים אומגע־בראכט פינף טויזנט אידישע קינדער".

„אין פאריז האָבן די נאַצים דערשאָסן צוויי הונדערט מאַש־קאָנעס, פאַרן טויט פון א נאצי".

אָבער וויניק מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף די נייסן. קינדער האָבן נישט געוויינט. ס'איז דאָך מילכאָמע!...



אין שווערע צייטן

מילכאָמע

געשריבן אין 1939,
צום 25 טן יאָרטאָג פון
דער ערשטער וועלט־מילכאָמע,
אַף דער שוועל פון דער
צווייטער, נאָך שרעקלעכערער,
וועלט - סריי‌פע.

א זעלטענער זומערדיקער פרימאָרגן. די זון האָט ארויסגעשפּאַצירט מיט איר גאנצער פּראכט, מילד צעשיקט אירע שטראלן. אויך צו כאימלס בעטל זיי געשיקט. אים פרי פון שלאָף אויפגעוועקט.

האָט כאימלען געכידעשט דאָס ארומיקע שטילקייט יענעם אינ־דערפרי. פון זיין טאטנס סטאָלעריי האָט זיך נישט געהערט דאָס געוויינלעכע הובליעווען און זעגן. פון זאלמען שניידערס איינציקער־דיקער וואוינונג האָט זיך ניט געהערט ס'קלאפּן פון ניי־מאשין, און מערער פון אַלץ האָט כאימלען געפעלט וואסילי שוסטערס זינגען.

וואסילי — פון ריזיקער וואוקס, מיט א פּאָר גרויסע וואָנצעס, וואָס באגעגענען זיך קימאט ווידער אונטער זיינע פליישיקע ליפּן,— א געוועזענער מוזיקאנט. ווען ער זינגט, דאכט זיך, אז אן אָרקעסטער פון פארשידענע אינסטרומענטן שפּילט. און די לידער, וואָס ער זינגט, זיינען אזעלכע הארציקע, פרייליכע. יעדן אינדערפרי, ווען כאימל עפנט אויף די אויגן, הערט ער שוין וואסילין קלאַפּן מיטן העמערל און זינגען.

יענעם אינדערפרי האָט אין אלע שכיינישע וואוינונגען גע־הערשט א שטילקייט, גלייך ווי קיין מענטשלעכער אָטעם וואָלט זיך

נישט געפונען אין זיי. פון גאס האָט זיך דערטראָגן א גערויש. איז כאימל אראָפּ פון געלעגער, און א האלב־נאקעטער ארויס אין גאס.

פאָרנט, פאר זייער הויז איז זיין מאמע געשטאנען מיט נאָך עטלעכע שכיינעס, פארזאָרגטע, מיט רויטע פארוויינטע אויגן.

מוישעלע, דעם שאָכנס אינגעלע איז אונטערגעקומען:

— די ווייסט, כאימל, אז ס׳איז א מילכאָמע?

— וואָס הייסט עס א מילכאָמע? — האָט כאימל געפרעגט.

— צוויי קעניגן שלאָגן זיך, — האָט מוישעלע געענטפערט.

— פארוואָס־זשע איז מיין מאמע פארוויינט? — האָט כאימל אלץ נישט פארשטאנען.

— זי האָט מוירע, אז אונדזער קעניג וועט פארשפּילן...

— נישט אזוי — האָט זיך אָנגערופן שמיליק, א קיילעכדיק באָכערל מיט רויטע באקן, —ביידע קעניגן זיצן אף פערד און דארפן אריבערשפּרינגען א ברייטן גרוב. ווער סע שפּרינגט אריבער, דער געווינט די מילכאָמע.

פון גאס איז אָנגעקומען דודי סטאָלער, כאימלס טאטע, מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אין צימער איז ער ווי אנידערגעפאלן אף א שטול און זיך געווענדעט צו כאימלס מאמען, וואָס איז געשטאנען איבער אים מיט פארבראָכענע הענט:

— יאָ, עס זיינען צעקלעפּט באַפעלן, אז סע האָט טאקע אויסגעבראָכן א מילכאָמע, און מען רופט מיין יאָר. נאָך היינט דארף איך גיין זיך איינמעלדן אין מיליטער.

כאימלס מאמע האָט אויסגעבראָכן אין א געוויין.

:: :: ::

דודי סטאָליער איז דעמאָלט אלט געווען דרייסיק יאָר. א שלאנקער א רירעוודיקער, פון מיטעלער וואוקס, מיט א פּאָר גוטע, שמייכלענדיקע אויגן, וואָס אז ער האָט זיי אָנגעשטעלט אף אימיצן, איז

יענעם געוואָרן גוט און פריילעך אפן הארצן. אן ארבעטזאמער — האָט אים יעדערער געשעצט און ליב געהאט. באזונדערס, אָבער, איז ער געווען באליבט בא קלײנוואַרג.

די קינדער, די שכײנישע, האָבן ליב געהאט צו קוקן ווי דודי סטאָליער ארבעט; ווי ער הובליעוועט ברעטער, מעסט, און אַט איז גרייט א שראנק, א טיש, טיר און פענצטער.

פלעגט זיך ארײנשלײכן א קינד, שעמעוודיק, נישט געוואגט, מיט די הענטלעך פארלײגט ארונטער, אָדער מיטן וויַיז־פינגער אין מויל, — האָט אים דודי סטאָליער באלד געמאכט היימיש:

— דערלאנג מיר, דו אגרעס, יענץ ברעטל!

— וואָס שטייסטו, כיריק, ווי א לײמענער גולעם, דערלאנג מיר יענעם הילצערנעם האמער!

דודי האָט זיך אין די זאכן נישט גענויטיקט, נאָר אבי היימיש צו מאכן א שעמעוודיק קינד.

ווען א קינד האָט שוין גוט געשטערט, האָט ער עס אויך נישט ארויסגעטריבן, נאָר געזאָגט:

— דו קלײנער וועוריק, היינט וועסטו שוין נישט אהײמגײן. איך וועל פארשליסן די טיר, און דאָ וועסטו שוין נעכטיקן.

אז „דער קלײנער וועווריק" האָט אזוינס דערהערט, האָט ער געכאפט די פיס אױף די פלײצעס און זיך אָפגעטראָגן.

אזעלכער איז ער געווען, דודי סטאָליער. ער האָט זייער ליב געהאט קלײנוואַרג. און מערער פון אלע קינדער האָט ער, פארשטייט זיך, ליב געהאט זײן זעקסיעריקן כאימל, א באָכערל מיט שווארצע קרויזן, א רונד פּענימל, לעבעדיקע אויגן, ווי בא זײן טאַטן.

וואָס האָט דודי סטאָליער נישט געמאכט פאר זײן כאימלען? א קלײן טישעלע, א שרענקל, שטולן — וואָס נאָר א סטאָליער קען מאכן.

האָט טאַקע קליינוואַרג, איצט געבענקט נאָך דודי סטאָליער, און מערער פון אלע — כאימל.

יעדן טאָג האָבן אנדערע שכיינים און באַקאַנטע פאַרלאָזט זייער וואַרשטאַט, זייער אַרבעט. זיך אָפּגעשאָרן די האָר פון קאָפּ, זיך געזעגנט מיט שכיינים, באַקאַנטע און, אונטערן פאַרצווייפלטן, הילפסלאָזן געיאָמער פון די אייגענע, — אוועק אין דער מילכאָמע.

:: :: ::

א בייזער ווינטער האָט זיך אָנגערוקט. גרויסע שנייען, זאַווערוכעס, האָבן כאימלען פאַרשפּאַרט אין שטוב. האָט ער צוגעפּרעסט זיין פּאָנים צו דער פּראָסטיק-באַבלימטער שויב, געזען מענטשן אָנגעפּעלצטע איילן אהיים. ער האָט געזען זיין מאַמען, א געבויגענע, טראָגן צוויי גרויסע עמערס וואַסער אויף א קאַראָמיסל. דאָס האָט זי געטראָגן אין פרעמדע הייזער אריין, וואו זי האָט געוואַשן וועש, קעדיי מיט עפּעס צו שטילן דעם הונגער און די קעלט, וואָס האָבן זי און כאימלען געפּייניקט.

דורך דער שויב האָט כאימל געזען מאַכנעס זעלנער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורכן שטעטל: ברודיקע, געבויגענע אונטער דער שווערער לאַסט פון ביקס און זעלנערישן רוקזאַק. פאָרויס און בא די זייטן האָבן געריטן די עלטסטע, אין גוט-געפּרעסטע מונדירן. די פערד אונטער זיי — דינפּיסיקע, שלאַנקע, — האָבן אומגעדולדיק, מיט גוואַלדע, זיך געריסן צום לויפן, זיך געדרייט אויף איין אָרט, געצוימטע פון זייערע שטאָלצע און זיכערע רייטער.

כאימל האָט צווישן די זעלנער געזוכט זיין טאַטן אָבער אים נישט דערקענט. ער האָט אים אויך געזוכט צווישן די געפאַנגענע, וואָס מען האָט דורכגעפירט דורכן שטעטל. ווילד-באַוואַקסענע, שמוציקע, מיט לאַנגע בערד, האָבן זיי, אין א פרעמדער שפּראַך, געדאַנקט פאַר די שפּייז, וואָס די שטעטלשע האָבן זיי צוגעטראָגן.

:: :: ::

דער ערשטער, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע איז טאַקע געווען דודי סטאָליער, כאַימלס טאַטע.

ס'איז געווען אין פרילינג. איז אָנגעקומען א יעדיע, אז דודי סטאָליער קומט אהיים. האָט כאַימל נישט פארשטאנען, פארוואָס זיין מאַמע וויינט נאָך אלץ, ווען מען דאַרף זיך גאָר פרייען.

ווען די פור איז געבליבן שטיין פאַר זייער הויז, וואָס איז גע־ווען באלאגערט פון באקאַנטע און נייגעריקע, האָט כאַימלען גע־וואונדערט וואָס זיין טאַטע זיצט אומבאַוועגלעך אויף דער פור.

פארוואָס שפרינגט ער נישט ארונטער פון דער פור?

און ווען דער פורמאַן און נאָך א פּאָר מענטשן האָבן דודין אויף די הענט אראָפּגעטראָגן, איז כאַימל געבליבן ווי פארשטיינערט. ער האָט געוואָלט וויינען, שרייען, נאָר סע איז גאָרנישט ארויסגעקו־מען. זיין טאַטנס רעכטער פוס איז געווען אָפּגעשניטן ביז דעם דיך, און מען האָט נאָכגעטראָגן א פּאָר קוליעס.

:: :: ::

כאַימל האָט ארייַנגעקוקט זיין טאַטן אין די פארשטאַרטע אויגן און געפרעגט:

— פארוואָס, טאַטע, האָט מען דיר אזוי געטאָן?

— ווער האָט דיר שלעכטס געטאָן?

— נאָך וואָס איינגאַנצן איז די מילכאָמע?

זיין טאַטע האָט אים דאַרויף גאָרנישט געענטפערט, ווייל כוצדעם וואָס דאָס קנאַלן פון די קאַנאָנען האָט אים טויב געמאַכט, האָט ער אליין אויך נישט געוואוסט קיין ענטפער אויף די פראַגעס.

:: :: ::

עס זיינען אויך אנדערע געקומען פון דער מילכאָמע. און יעדן האָט עפּעס געפעלט: איינער — אָן א האַנט, אָפּגעשאָסענע פינגער, צעקריפּלטע פּעגימער, קערפּערס. האָט זיך באקומען א יעדיע, אז אימיצער קומט פון דער מילכאָמע, איז די ערשטע פראַגע געווען:

— אַף וואָס איז ער פאַרוואונדעט?

און באַם דערזען דעם לאַנג-דערוואַרטעטן גאַסט — אַ קריפּל — האָבן זיך שטענדיק איבערגעכאַזערט די שוין געוויינלעכע יאָמערן און פאַלן אין כאַלאַשעס.

נאָך ערגער האָבן שטיל געליטן און שטיל געוויינט די, וועמענס אייגענע זיינען נישט אהיימגעקומען, נאָר אַנשטאָט זיי — קורצע בריוולעך, געשריבענע אין איין און דעמזעלבן נוסעך — וואָס האָבן אָנגעזאָגט, אַז די, אַף וועמען מען וואַרט, וועלן שוין קיינמאָל נישט אהיימקומען...

נאָר קיינער פון די פאַרוואונדעטע און פאַרקריפּלטע, האָבן נישט אַזוי דערשיטערט, ווי דודי דער סטאָליער, וועמען מען האָט שוין גערופן „דודי דער קרומער".

ווער עס האָט אים געקענט פון פריער, דעם שלאַנקן, גוטמוטיקן דודין, און באַגעגנט אים איצט — הינקען אַף זיינע צוויי קוליעס, אַ פאַרוואַקסענער, מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע קינבאַקן, איינגאַנצן הויט און ביין, מיט אויסגעגלאָצטע, פאַרגלייזטע אויגן, ציטערט אויף:

— וואָס די מילכאָמע קען מאַכן פון אַ מענטשן!

און די פויסטן באַלן זיך פון זיך אַליין, און סע רייסט זיך אַרויס אַ קלאָלע צו די שולדיקע, וואָס פאַרורזאַכן די מילכאָמע.

אין שפּאַניע

געשריבן אין 1936,
בעיסן שפּאַנישן בירגער־קריג.

נאכמעם דאָס גערדיכטע פינצטערניש און טויטע שטילקייט, וואָלט קיינער נישט געגלויבט, אז דאָרט געפינט זיך א גרויס דאָרף, וואָס איז שיטער צעשפּרייט אין טאָל, צופוסנס פון באַרג.

מען הערט נישט קיין שאָרך אינעם גאנצן ארום, כאָטש ס'איז ערשט נאכט געוואָרן, און כאָטש דער סאָף זומערדיקער אָוונט מיט זיינע אלע צויבערן רופט אין דרויסן ארויס פון די פּעסט צוגעמאכטע, דושנע הייזער, זיך דערפרישן נאָכן לאנגן, הייסן טאָג.

מ'הערט אפילע ניט דאָס בילן פון די הינט. און דאָס קוואַקעריי פון די זשאבעס און מאַנאָטאָנע גרילצעריי פון די גרילן גיסן זיך צונויף און ווערן איינס מיט דער ארומיקער שטילקייט.

אין ס'איז גוט וואָס די נעכט זיינען פינצטערע! ציינדן די איינוואוינער פון דאָרף קיין ליכט נישט אָן, קעדיי נישט צו ציען די אויפמערקזאמקייט פונעם סוינעס אוויאָנען, וואָס זוכן אומבאשיצטע שטעטלעך און דערפער כאָרעוו צו מאכן. זיצן אלע בא פארמאכטע טיר און פענצטער, קעדיי צו זיין באוואָרנט פון א פארבלאָנדזשעטער באָמבע.

אין א קליין שטיבל, נאָענט פון בארג, הינטער פארמאכטע

לאַדנס, מען זאָל קיין שיין נישט אָנזען, איז געזעסן וואַלענטינא — א פרוי פון עטלעכע און דרייסיק יאָר, און פאַריכט אַן אָנצוגל פאַר איר פאַקיטאָן.

ס׳איז דאָס אָנצוגל נישט געמאכט געוואָרן פאַר פאַקיטאָס וועגן. זינט זיין טאַטע פעלט פון דער היים, זינט ער איז אַוועק קעמפן קעגן די פאַשיסטן, וואָס ווילן פאַרשקלאַפן שפּאַניע, פעלט אָפטמאָל אויס בא פאַקיטאָן אין דערהיים אַף צו עסן, נישט נאָר אַף אָנצוטאָן. גייט פאַקיטאָ ארום הונגעריק, באָרוועס באַגלייך מיט אלע זיינע כאַוויירים. א גליק נאָך וואָס ס׳איז געווען זומער! אָבער איצט, ווען עס גייט צו ווינטער זיינען אָנגעקומען א סאך שיף, קליידער און עסנ-ווארג, וואָס גוטע מענטשן פון אנדערע לענדער האָבן געשיקט. דאָרט, אין יענע לענדער, איז נישט קיין בירגער-קריג, ארבעט מען און מען לעבט רואיק.

וואַלענטינא, פאַקיטאָס מאמע, מעסט אים אָן דאָס אָנצוגל. עס איז אביסל גרויס אַף אים. אָבער עס מאכט נישט, פון גרויס קליין קען מען מאכן!

פאַקיטאָ טראַכט:

„ווי אזוי זאָל געווען אויסזען דאָס אינגעלע, וואָס האָט געטראָגן דאָס אָנצוגל. איז ער אויך אזוי קויל שוואַרץ, ווי ער פאַקיטאָ? האָט ער אויך אזעלכע פאַרפּלאָנטערטע קרויזן, גייט ער אויך באָרוועס? און ווי הייסט ער? עפשער אויך פאַקיטאָ?...״

אָבער זיין מאמע האָט אים איבערגעשלאָגן די געדאַנקען. זי האָט אין א קעשענע פון אנצוגל געפונען א פאַרשריבן בויגעלע פאַ-פיר. פאַקיטאָס מאמע קען ניט לייענען. מען האָט איר, קליינערהייט, נישט געלערנט. אויך די ברווו, פון איר מאַן, פון שלאַכט-פעלד, לייענט איר פאַקיטאָ. האָט זי אים איצט געגעבן לייענען דאָס ביי-געלע פאַפּיר.

פּאַקיטאָ האָט אָנגעהויבן לייענען. ס'איז א שול ארבעט פון א קינד. די ארבעט הייסט: „דער אויספלוג פון אונדזער שול".

באשרייבט זיך דאָרטן ווי אלע שילער צוזאמען מיט די לערערס זיינען ארויסגעפאָרן אף אויטאָבוסן אין וואלד אריין, דאָרט האָבן זיי געשפּילט פארשידענע שפּילן, געריסן בלומען, געקלעטערט אף ביימער, ארומגעלאָפן א גאנצן טאָג...

פּאַקיטאָ איז דערציטערט געוואָרן. ער האָט זיך דערשראָקן פארן גורל פון די קינדער:

— און וואָס וועט זיין ווען סע וועלן אָנפליען אַוויאָנען און אראָפּווארפן באָמבעס אף די קינדער? ווי איז עס מעגלעך, אז זיי האָבן גאָר קיין מוירע נישט? וואו, אין וועלכן לאנד, געפינען זיי זיך?...

פונוויטנס, ערגעץ פון הינטער דעם בארג, האָט זיך דערקייקלט אַ טויב דונערן פון הארמאטן.

וואו־ענטינא, פּאַקיטאָס מאמע האָט שנעל פארלאָשן ס'לעמפּל.

באַ די פּאַרטיזאַנער

פאר דער מילכאָמע איז לייבלס טאַטע געווען אויפזעער אינעם ראַקעוויצער וואַלד. קען ער, דערפאַר, דעם וואַלד ווי זיינע צען פינגער. אויך דער וועג פון שטעטל אין וואַלד אַריין איז אים באַקאַנט און היימיש.

דערפאַר, ווייזט אויס, האָט מען אים אויסגעקליבן ער זאָל גיין מיט א שליכעס צו שימענס פּאַרטיזאַנער, וואָס געפינען זיך אינעם וואַלד.

גאַנץ פרי, לייבל איז נאָר וואָס געווען אויפגעשטאַנען, איז צו זיי אין שטוב אַריינגעקומען קירילע דער בריוטרעגער. און כאָטש ער האָט זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט צי קיינער — כּוץ אים און לייבלס טאַטע — איז נישטאָ, האָט ער לייבלען נישט באַמערקט און אַזוי אַרום האָט לייבל געהערט אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט.

און געהערט האָט ער, ווי קירילע זאָגט זיין טאַטן ער זאָל גיין אין וואַלד אַריין צו די פּאַרטיזאַנער און איבערגעבן שימענען, אַז „מאָרגן, זעקס אַזייגער אינדערפרי וועלן די נאַציס אַרויסשיקן צו דער באַן צוויי קאָמפּאַניעס אָנגעלאָדענע מיט אידן. באַ די „דריי ברונעמס" וועט קאָליע ווערן דער מאָטאָר. אַלעקסיי מיט זיינע מענטשן וועלן דאָרט זיין".

נאָך האָט ער געהערט, ווי קירילע זאָגט אָן זיין טאַטן:
— דער פּאַראָל איז „היימלאַנד — כ׳בין גרייט״.
אָבער לייבלס טאַטע איז אין וואַלד אריין נישט געגאַנגען. געזאָלט האָט ער גיין ערשט אין אָוונט און מיטיק צייט זיינען געקומען צוויי נאַציס און אים מיטגענומען מיט זיך.
לייבלס מאַמע האָט געוויינט, געיאָמערט. זי איז ארומגעלאָפן זען צי קען מען אים ארויסראַטעווען.
און לייבל?
לייבל ווייסט שוין וואָס ער האָט צו טאָן. ער איז טאַקע אלט נישט מער ווי צוועלף יאָר. אָבער זינט די נאַציס זיינען אין שטעטל, איז ער א סאַך עלטער און דערפאַרענער געוואָרן.
לייבל ווייסט, אז דאָס בעסטע וואָס ער קען איצט טאָן, איז — גיין צו שימענס פּאַרטיזאַנער.

:: :: ::

ס׳איז שוין געווען צוגעפאַלן דער אָוונט, ווען לייבל האָט זיך, איבער פאַרשנייטע פעלדער, געלאָזט גיין צום ראַקעוויצער וואַלד.
בעסער אזוי. אין די אָוונטן איז זיכערער. באַנאַכט גייען די נאַציס נישט ארויס פונעם שטעטל, אויס מורא פאַר שימענס פּאַרטיזאַנער.
דער וועג איז לייבלען באַקאַנט. נישט איינמאָל פלעגט ער, אף דעם וועג, גיין אין וואַלד אריין צו זיין טאַטן.
איצט כאַזערט זיך לייבל:
„פּאַראָל: „היימלאַנד — כ׳בין גרייט״ און דערנאָך: „מאָרגן, זעקס אזייגער אינדערפרי פאָרן אָפּ צו דער באַן צוויי קאַמיאָנען, געלאָדענע מיט אידן. בא די „דריי ברונעמס״ וועט קאַליע ווערן דער מאָטאָר. אלעקסיי מיט זיינע מענטשן וועלן דאָרט זיין״.
וואָרט בא וואָרט. אזוי האָט קירילע אָנגעזאָגט לייבלס טאַטן און אזוי וועט לייבל עס איבערגעבן די פּאַרטיזאַנער.

לייבל איילט זיינע טריט. פון אים, פונעם צװעלפיעריקן לייבל איז אָפּהענגיק די רעטונג פון צװיי קאַמיאָנען געלאָדענע מיט אידן.

ער איז שוין װייט ארױס פון שטעטל. שוין װייט אריבער די פוסטע פארשנייטע װיינגערטנער, די מיל. אלץ איז געבליבן הינטער אים. ער פילט אפילע נישט װי א שניי הױבט אָן פארשיטן דעם װעג און, אז סע פארנעמט זיך אף א זאַװערוכע.

דער פארגאנגענער טאָג איז געװען אזא מילדער און ס'האָט גאָרנישט אויסגעזען, אז ס'איז פאר א זאַװערוכע.

אָבער אָט האָט זיך די זאַװערוכע צעשפּילט און װערט אלץ בייזער. שמייסט לייבלען אין פּנים אריין, אין די אויגן אריין; צװינגט אים זיך אױסדרייען מיטן רוקן צום װינט.

די זאַװערוכע גייט א װילדן טאַנץ ארום לייבלען. עס דאכט זיך אים, אז אָט־אָט הױבט עס אים אין דער לופטן. דער װעג איז שוין פארשאָטן מיט שניי. דער װינט הױבט אויף דעם שניי, װי ער װאָלט אים אָפּגעקערט מיט א ריזיקן בעזעם און טראָגט אים פון איין אָרט אפן צװייטן. עס דאכט זיך לייבלען, אז דער װעג װערט אװעק־געבלאָזן פון אונטער זיינע פיס.

קיין אישעװ איז אפן װעג צום װאלד נישטאָ און װען אפילע סע װאָלט געװען, װאָלט אים לייבל אויסגעמיטן. ער טאָר קיינעם נישט באגעגענען.

בלויז איינמאָל האָט לייבלען דורכגעבליצט א געדאנק צו גיין צוריק. דאָס איז געשען, װען ער האָט מיטאמאָל דערזען א שאָטן אינמיטן װעג.

לייבל האָט אָפּגעשטעלט זיין גאנג: װאָס זאָל דאָס זיין? עס זעט נישט אויס קיין בוים. אויך קיין מענטש זעט עס נישט אויס צו זיין. דער שאָטן שטייט אומבאװעגלעך. לייבלען זעט עס אויס צו זיין א ציילעם, װאָס שטייט אף די שיידװעגן. װי זשע קומט אהער

א ציילעם? לייבלען איז דאָך דער וועג צום וואלד אזוי באקאנט. זאָל זיין, אז ער האָט פארבלאָנדזשעט?

בלויז דעמאָלט האָט לייבל א טראַכט געטאָן זיך אומצוקערן. ער האָט זיך, אָבער, דערמאָנט אין די קאמיאָנען, וואָס גייען אינדער-פרי אָפּ צו דער באן, און באשלאָסן: נאָר נישט גיין צוריק!

לייבל גייט צו נענטער צום שאָטן, וואָס שטייט אָפּ אן אָרט אומבאוועגלעך. ס׳איז ווירקלעך א ציילעם. דאָ צעגייען זיך די וועגן. וואוהין זשע פירן זיי? אין וועלכער ריכטונג?

ארום איז ווייס. די זאווערוכע ארבעט מאַיסים. לאָזט נישט איינשטיין אָפּ אן אָרט. שמייסט בייסיק אין פּאָנעם אריין, פאר-קריכט אונטער די קליידער.

לייבל דערמאָנט זיך עפּעס: ער בויגט זיך אָן, לייגט צו דעם אויער צום ווייסן שניי אָפּ דער ערד. עס דאכט זיך אים, אז ער הערט דאָס בילן פון הינט. עס קומט פון רעכטס. דאָרט געפינט זיך דאָס דאָרף ראקעווין. אויב אזוי דאַרף דער וואלד זיין לינקס. דארף מען זיך פארנעמען אהין. מען דאַרף גיין. מען טאָר נישט פארלירן קיין צייט.

— —

ווען א פּאטרול פון שימענס פּארטיזאנער האָט געבראכט לייב-לען אינעם וואלד-שטיבל, איז ער געווען אינגאנצן אן אויסגעזוויק-טער און דורכגענעצטער.

דאָס שטיבל — פול מיט געוויער און באוואָפנטע מענטשן — האָט לייבלען דערמאָנט אין א הייל פון גאזלאָנים, ווי עס דערציילט זיך אין די ביכלעך. עס פעלן נאָר די סקעלעטן און מענטשלעכע ביינער ווי באפוצונגען אָפּ די ווענט.

אָבער לייבל, נישט נאָר ער שרעקט זיך נישט נאָר, פארקערט, ער פילט זיך גוט און זיכער, גלייך ווי ער וואָלט, נאָך יאָרן וואנדערן, געטראָפן צו זיך אהיים.

ער באַטראַכט די באַוואָפּנטע מענטשן. איינציקע זיינען פון זיין שטעטל. אַט איז שויעל צירולניק. באַ אים פלעגט זיך לייבל שערן. באַ אים אין צירולניע פלעגט מען שטענדיק ריידן פון פּאָליטיק. אַט איז כאַים שניידער. א הויכער, א געוויקסיקער — גאָרנישט ווי קיין שניידער — מיט א פּאָר גראָבע ליפּן. און אַט איז שימען סויפער — לייבלס לערער. דאָס געווער און די קליידער פּאַסן זיך גאָרנישט צו זיין בלאַס געזיכט און צו דער פּענסנע, וואָס ער טראָגט.

טאַקע אים, שימענען, דאַרף לייבל איבערגעבן, אַז „מאָרגן, זעקס אַזייגער אינדערפרי...."

לייבל האָט עס אָפּגעזאָגט מעכאַניש, ווי א איינגעכאַזערטע זאַך.

עס דאַכט זיך אים, לייבלען, אַז מען ווייסט שוין דאָ דערפון. נאָר עפּעס אַנדערש כידעשט זיי:

— ווי לאָזט מען זיך עס אַרויס אין אַזאַ זאַווערוכע? האָסט דאָך געקענט אומקומען אויפן וועג?

אַזוי פרעגט אים שימען און לייבל ענטפערט:

— אַז מען וויל זיין א פּאַרטיזאַנער, דאַרף מען זיך נישט אָפּ־שרעקן נישט פאַר קיין זאַווערוכע און פאַר גאָרנישט.

...דערנאָך האָט אין דרויסן געוואָיעט דער ווינט ווי טויזנטער בייזע וועלף, געריסן שטיקער פונעם שטיבל, פונעם דאַך. אָבער לייבל האָט זיך געפילט זיכער און באַשיצט אינעם שטיבל.

פון קיך האָט זיך דערטראָגן א רייעך פון געפּרעגלטס. ס'האָט זיך געהערט דאָס שפּאַלטן פון שפּענער. און צו לייבלען איז דער־גאַנגען א פרויעש געזאַנג:

„ניין, נישט מיר ווילן קריג, נאָר באַשיצן דאָס לאַנד,
גרייטן מיר אונדזער מאַכט צו צעוויגן.
אויף זיין אייגענער ערד, זאָל דעם בלוטיקן פיינט,
אונדזער מעכטיקער אָרעם באַזיגן".

לייבל האָט דערקענט די שטימע פון ליזע, שימענס שוועסטער, זי איז געווען פאַרעכנט פאַר דער בעסטער זינגערן אין שטעטל. לייבל האָט זיך צוגעהערט צו די ווערטער:

„אויב ס'וועט מאָרגן זיין קריג,
אויב ס'וועט רופן דיין לאַנד —
זיי היינט גרייט,
זיי היינט גרייט גיין אין קריג".

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געגרייט צו דער מאָרגנדיקער שלאַכט בײַ די „דריי ברונעמס"; זיי האָבן זיך געגרייט צום איבערפֿאַל אויף די קאַמיאָנען, וואָס פירן מענטשן צום טויט.

כאַווײרים

געשען איז עס אין 1933, אין דייטשלאַנד.

:: :: ::

דער פּופּצניערקער וואָלף איז געגאַנגען צו־זאַמען מיט זיינע כאַווײרים, אַלע אָנגעטאָנענע אין ברוינע אוניפאָרמען, מיט האַקנקרייצן אַף די אָרעמס. זיי האָבן פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון טראָטואַר און נאָכאַנאַנד געזונגען די סטראָפן פון האָרסט וועסל־ליד:

„און ווען דעם „יודנס״ בלוט
פון דעם מעסער טריפט,
דעמאָלט וועט זיין גוט...״

פאַרבייגייער האָבן זיי אָפּגעטראָטן דעם וועג, דערנאָך זיי באַגלייט מיט ערנסטע און איבערגעשראָקענע בליקן. די פּאָליציאַנטן אין די ראָגן האָבן זיי באַגריסט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס: „הייל היטלער״.

מיטאַמאָל האָט וואָלף דערזען אַפן אַקעגנאיבערדיקן טראָטואַר זיין אַמאָליקן כאַווער עפראַים. האָט ער איבערגעלאָזט זיינע צעיו־שעטע כאַווײרים און איבערגעקרייצט די גאַס אַנצואָגן עפראַימען. שוין דריי יאָר זייט די צוויי כאַווײרים האָבן זיך נישט געזען.

פון זייער ערשטן לערניאַר אָן זיינען די צוויי כאַווירים, וואָלף און עפראַים, געזעסן אף איין באַנק אין שול. איינינעם פאַרבראַכט זייער פרייע צייט; געבאָדן זיך אין טייך, געקלעטערט אףביימער, אף בערג; מיטן ביסן זיך געטיילט.

און ווען עפראַים מיט זיינע עלטערן זיינען אוועקגעפאָרן אין א צווייטער שטאָט, האָט זיך וואָלף דערפילט עלנט און צו קיין אַנדערע כאַווירים זיך נישט געקענט צוגעוואוינען.

די ערשטע צייט האָבן זיי זיך געשריבן בריוו. דערנאָך אויפגעהערט שרייבן. אָבער די גאַנצע צייט נישט פאַרגעסן איינער דעם צווייטן און געזוארט אפן טאָג, ווען זיי וועלן זיך ווידער טרעפן.

איז אַוואַדע קיין כידעש נישט, וואָס וואָלף האָט איצט איבערגעלאָזט זיינע כאַווירים און געלאָפן אַניאָגן עפראַימען.

— עפראַים!

עפראַים האָט זיך אומגעקוקט, געזען ווי א ברוינהעמדלדיקער יאָגט אים נאָך און ווייטער געשפאַנט.

— עפראַים, דו דערקענסט מיך נישט? — האָט וואָלף זיך געכידעשט.

עפראַים האָט מיט איבערגעשראָקענע אויגן, אים באַטראַכט און דערקענט זיין אַמאָליקן כאַווער. אָבער אים ניט אויסגעשטרעקט די האַנט; נישט געענטפערט און נישט ארויסגעוויזן קיין שום פרייד. א ביטערקייט האָט זיך אים געשטעלט אין קעל און עס האָט זיך אים געדאַכט, אז קוים רעדט ער אויס א וואָרט, וועט ער אויסברעכן אין א געוויין.

דער האָפערדיקער וואָלף האָט זיך דערפילט אָפּהענטיק. עס איז פאַרשוואונדן זיין פריידיקער אויסדרוק. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאַר מיט זיין כאַווער און ער האָט געשטאַמלט:

— וואָס געשעט מיט דיר, עפראַים? וואָס זעסטו אזוינס אף מיר? וואָס קוקסטו אזוי מאָדנע אף מיר?

עפראַים האָט אראָפּגעשלונגען דאָס וואָס עס האָט אים געש־טיקט אין האלדז. האָט זיך געשטארקט און מיט א געבראָכן קאָל געזאָגט:

— דו אויך, וואָלף? וואָס האָבן מיר, אידן, דיר געטאָן וואָס דו ווילסט אונדזער בלוט זאָל טריפן פון דיין מעסער? וועלכער איד האָט דיר שלעכטס געטאָן? בין איך דען נישט געווען דיין בעסטער כאַווער, כאָטש א איד?

וואָלף, וואָס האָט קיינמאָל נישט געקענט קיין אידן און — מאכמעס דער לערע פון זיינע ברוינהעמדלדיקע עלטסטע — זיך פאַר־געשטעלט א אידן אלס א שרעקלעך באַשעפעניש, איז אים גאָרנישט איינגעפאלן, אז זיין בעסטער כאַווער איז דער איינציקער איד, וואָס ער קען.

און אים האָט ער דאָך אזוי ליב!

וואָלפן האָט זיך געדאכט, אז עס הויבט אים אָן עפּעס קלאָר ווערן. עפּעס אזוינס, וואָס ער האָט שוין אמאָל געוואוסט און עס פארגעסן. איצט האָט ער אָנגעכאפּט דעם פאָדעם. באלד, באלד וועט ער זיך עס דערמאָנען. ער דארף נאָר אביסעלע צייט צו טראכטן וועגן דעם.

אָבער קיין צייט צו טראכטן האָט ער נישט. זיינע כאַווירים פון אקעגנאיבערדיקן טראָטואר רופן אים:

— העי, וואָלף, שנעלער, צו דער „יודנגאס!"

און נאָך איידער ער האָט געוואוסט וואָס צו זאָגן עפראַימען, האָבן זיי אים מיטגעשלעפּט מיט זיך.

עפראַים האָט אים נאָכגעקוקט, געזען ווי וואָלף האָט אויס־געדרייט דעם קאָפּ צו אים.

באלד האָט זיך געהערט א בראזג פון שויבן, געלעכטערס און דאָס געזאנג, וואָס האָט עפּראָימען באגלייט ווייט, ווייט:

„און ווען דעם „יודנס" בלוט
פון דעם מעסער טריפט,
דעמאָלט וועט זיין גוט..."

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי איר ווייסט, מיינע קליינע און גרעסערע לייענער, האָט דאָס אלץ פּאסירט אין יאָר 1933. און צום הארצן דארפט איר זיך עס נישט נעמען, ווייל איצט זיינען מיר שוין אין 1945, ווען דאָס דאָזיקע בלוטיקע געזאנג איז שוין אנטשטומט געוואָרן אף שטענדיק.



בײַ אונדז אין שול

כאַנעלע

צווישן אלע אירע כאווערטעס, די שכײנישע קינדער, איז כאנעלע די קלענסטע. און נישט אזוי די קלענסטע ווי די אינגסטע. ווייל, אָט איז סאָרעלע עלטער מיט צוויי יאָר און אויך נישט גרעסער פון איר.

אָבער קיינער נישט פון אירע כאווערטעס, נישט כאנעלע אליין פילן דעם אונטערשייד פון עלטער. הויבט מען זיך אָן רעכענען די יאָרן שטייגט איינע אריבער די צווייטע:

— איך בין אלט זעקס יאָר — זאָגט איין קינד.

— איך — צוואנציק.

— פופציק, הונדערט...

אזוי אָן שיר, שטייגן זיי אין צענדליקער יאָרן און כאנעלע — גלייך מיט אלע.

בעייסן שפילן וויל כאנעלע שטענדיק זיין די גרויסע, די אָנפירערן, די עלטערע. זי וויל קיינמאָל נישט זיין „דאָס קינד", „די שילערן", נאָר שטענדיק — „די מאמע", „די לערערן".

אָט אזא איז כאנעלע.

אזוי — ביז צום אָנפאנג פון שול-יאָר.

כאַנעלע איז די איינציקע פון אירע כאַווערטעס, וואָס איז נאָך צו יונג מען זאָל זי אריינעמען אין שול. איר טאַטע זאָגט איר אפילע צו, אז איבעראיאָר וועט ער בעטן דער לערערן, מען זאָל זי אריינע־מען. אָבער כאַנעלע ווייסט, אז סע פעלן איר נאָך צוויי יאָר.

צוערשט, איידער מען האָט אָנגעהויבן גיין אין שול, איז כאַנעלע אזוי געווען פאַרטאָן מיט אירע כאַווערטעס צוגרייטונגען, אז זי האָט גאָר פאַרגעסן אין זיך. זי האָט זיך געפרייט מיט זייער איינגעקויפטן שרייב־געצייג, באַקוקט די העפטן, די בילדלעך און די ביכלעך. זי האָט געהאָלפן איר כאַווערטע סאָרעלע צוקלייבן דעם קאָליר פונעם שלייף: א רויטן צי א ווייסן; געזען ווי מע פרעסט איר ווייס כאַלאַטל און אָנגעקוואָלן. גאָר פאַרגעסן, אז זי איז א זייטיקע.

אינעם טאָג, ווען די קינדער האָבן אָנגעהויבן גיין אין שול, איז זי אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, געשטאַנען אַף דער טיר און אַלעמאָל אריינגעלאָפן:

— מאַמע, קום ווערסטו זען, ווי שיינדעלע גייט אין שול.

— מאַמע, גיב א קוק ווי סאָרעלע זעט אויס אין ווייסן כאַלאַטל.

שפּעטער, ווען זי איז געבליבן אליין, האָט זי צוערשט געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי סע וואָלט איר גאָרנישט געאַרט.

— בעסער אזוי — האָט זי געזאָגט — אזוי בין איך מיר הוליקער...

אזוי האָט זי געזאָגט, און פונדעסטוועגן ארויסגעקוקט אַף דער שאָ, ווען מען וועט שוין קומען פון שול.

איר מאַמע האָט דאָס דערקענט לויט א סאַך סימאָנים: לויט כאַנעלעס פרעגן אָפט אַפן זייגער; לויט איר ארויסקוקן אַלע ווײַלע אין גאַס אריין און באַזונדערס — לויט דעם, וואָס כאַנעלע האָט זיך קיין פלאַץ נישט געפונען. האָט איר מאַמע זיך אָנגערופן:

— ווייסטו וואָס, כאַנעלע, איך וועל זיין דיין כאַווערטע און לאָמיר זיךביידע שפּילן.

וואָס קען נאָך זיין בעסער ווי שפּילן אין א „שול"? אָבער א מאָדנע זאַך: שטענדיק וויל כאַנעלע זיין „די לערערן", היינט איז איר דאָזיקע געפעלן צו זיין „די שילערן" און איר מאַמע זאָל זיין „די לערערן".

ס'איז נאָר שלעכט, וואָס די מאַמע קען נישט זיין קיין שטרענגע „לערערן". כאַנעלע בעט זיך: „לערערן, רוף מיך ארויס", „הייס מיר לייענען", „שריי אָן אויף מיר". איר מאַמע פאָלגט מיט א שמייכל.

אָך, ווי כאַנעלע וואָלט געוואָלט איר מאַמע זאָל זיין שטרענג ווי אַן עמעסע לערערן! איר מאַמע איז אָבער א מאַמע און נישט קיין לערערן.

אויב אַזוי, זאָגט כאַנעלע:

— ווייסטו וואָס, מאַמע, לאָמיר בעסער שפּילן אין „גיין איינקויפן".

בא איר מאַמען האָט זי שוין געפּועלט.

די קיך דינט פאַרן „מאַרק", די מאַמע — „די פאַרקויפערן". כאַנעלע נעמט א קוישל, קומט אין „מאַרק" אריין, דינגט זיך מיט די פּרייזן ווי א גרויסע, קלאָגט זיך, אַז קאַרטאָפל איז טייער, אַז סע איז אוממעגלעך עפּעס צו קויפן.

כאַנעלע זאָגט אונטער איר מאַמען, דעם ראָל אירן, און וואָס זי דאַרף זאָגן:

— איך וועל וועלן ביליקער און דו זאָג, אַז דו קענסט נישט אראָפּלאָזן פון פּרייז.

איר מאַמע שמייכלט און פאָלגט.

„איינגעקויפט" אַלץ, האָבן זיי אָנגעהויבן שפּילן אין „וויזיטן".

כאַנעלע האָט זיך אויסגעפּוצט אין איר מאַמעס אַן אַלטן אָפּגעפּוצטן הוט, מיט א גרויסן קאָלירענעם פּעדער, א טייסטער מיט א זונענשירם. זי איז ארויס אין הויף, א פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— ווער איז? — האָט איר געפרעגט די מאַמע פון קיך.

— אה! — האָט זי זיך קלוימערשט דערפרייט — א גאַסט, א גאַסט, קומט אריין! וואָס טוט איר עפּעס? וואָס טוען אייערע קינדער? וואָס טוט אייער מאַן?

כאַנעלע, מיט א מינע פון א דערוואַקסענער, פּאַכעט מיטן זונענשירם, גלאָצט מיט די אויגן און פאַרשנורעוועט דאָס מיילעכל:

— א דאַנק, וואָס מאַכן אייערע קינדער?

זי וואָלט זיך אַוואַדע אַזוי געשפּילט א גאַנצן טאָג, צוגעטראַכט נייע שפּילן. איז אָבער איר מאַמע נישט אויפגעלייגט דערצו. דער טאָג שטייט נישט. ס'איז שוין באַלד מיטיק-צייט און זי טאָר זיך נישט שפּילן. זי דאַרף קאָכן, אויפראַמען די שטוב. און ווען כאַנעלע פּאַטשט, צום צווייטן מאָל, מיט די הענטלעך, שרייט איר מאַמע פון אינעווייניק:

— איך בין נישטאָ!

— נישטאָ? — וועל איך קומען שפּעטער.

דער „שפּעטער" געדויערט אָבער נישט מערער ווי א פּאָר מינוט. כאַנעלע קלאַפּט ווידער.

און די ווייזערס פון זייגער רוקן זיך. ס'איז שוין באַלד עלף; באַלד קומט דער טאַטע עסן און — גיי שפּיל זיך אינמיטן דערינען.

איז אַוואַדע געווען גוט, וואָס די שכנה, סאָרעלעס מאַמע, האָט גערופן כאַנעלען צו גיין אָפּנעמען סאָרעלען פון שול.

אפן טראָטואַר, פאַר דער שול, דרייען זיך שוין מאַמעס, עלטערע שוועסטער, זיי וואַרטן אף די קינדערלעך, וואָס וועלן באַלד ארויסגיין.

קיין סאך קומט נישט אויס צו וואַרטן. עס דערהערט זיך קלינגען דער גלאָק און באַלד לאָזן זיך ארויס פון ראַכוועסדיקן הויף, צוויי רייען קינדערלעך אין ווייסע כאַלאַטלעך, מיט טעקעס און העפטן אין די הענט. באַם אריבערטרעטן די ברייטע שול-טיר, צעשיטן זיך די רייען, צעלויפן זיך די קינדער אין פאַרשידענע ריכטונגען. א סאך — צו די, וואָס וואַרטן אף זיי.

כאַנעלע לויפט אנטקעגן סאָרעלען, נעמט בא איר צו די טעקע. סאָרעלע, א פאַרפלאמטע, דערציילט דער מוטער נייסן פון דער שול: וואָס דער לערער האָט געזאָגט, ווי זיי האָבן זיך געשפילט.

זי איז פארפלאמט, סאָרעלע. טוט זי אוים איר ווייס כאלאטל, גיט עס כאַנעלען צו טראָגן און כאַנעלע איז אפן זיבעטן הימל.

מיט דער טעקע אין איין האַנט, דאָס ווייסע כאלאטל אפן אָרעם, גייט זי צווישן אַלע קינדערלעך, וואָס פארהילכן די גאַס מיט זייער געפילדער און עס דאכט זיך איר, כאַנעלען, אז אויך זי לערנט שוין אין שול און איצט גייט זי אהיים.

דער כעלעמער

„דער כעלעמער" — דאָס איז א צונאָמען אזא, וואָס די כעוורע האָבן צוגעטשעפּעט איינעם פון זייערע שול-כאַווירים.

עס איז שוין בא זיי אזא איינפירונג יעדן צוצוקלעפּן א צונעמעניש. איר וועט דאכט זיך נישט טרעפן אין דער גאנצער שול קיין איינעם אָן א צונאָמען.

הייסט בא זיי איינער „מיקראָב", ווייל ער איז א דריבנינקער. פון א מיקראָב אפילע גרעסער, אָבער מיטן צונאָמען איז ער שוין געבליבן. הייסט א צווייטער „לאָקש", ווייל ער איז א לאנגער. א דריטער הייסט „אגרעס", א פערטער — „פּעמפּיק", איז איינעמס פאמיליע קאַץ — רופט מען אים „קעצעלע".

דער לערער פּראָטעסטירט אָפט קעגן דער איינפירונג. ער קען זיך אָבער גאָר נישט העלפן.

סע האָט שוין אפילע געטראָפן, אז ער אליין, דער לערער, האָט זיך ארויסגעכאפּט און אימיצן אָנגערופן באַם צונאָמען.

דאָס איז געשען איינמאָל, בעיים א לויף-געוועט. אלע זיינען

געוועז צעהיצט און געשפּאַנט וועגן אויסגאַנג פון שפּיל. סע האָבן זיך געהערט קוילעס:

— אגרעס, גיכער!

— מיקראַב, כאַפּ אים!

האָט זיך דער לערער אויך פאַרגעסן און געקלאַפּט דעם פאַר-סאַפּעטן מיקראַב אין פּלייצע:

— בראַוואָ, מיקראַב, האָסט עס גוט געמאַכט!

אַלע האָבן אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער און דער לערער אַליין האָט אויך מיטגעלאַכט.

ווען מען זשע, שטעלט איר זיך פאָר, רופט מען אין שול „דער בעלעמער"? איר קענט זיכער מיינען, אַז דעם גרעסטן נאַר פון אַלע נאַראָנים? איז אויב איר מיינט אַזוי, האָט איר שוין גאָר נישט געטראָפן.

און אויב איר זיינט נייגעריק צו וויסן, ווען מען רופט „דער בעלעמער", זעצט זשע אייך אַוועק, שפּאַנט אייך איין אין געדולד און הערט אויס פונעם אַנהויב.

אין איינעם אַ אינדערפרי, שוין העט, אַ שטיק אין לערניאָר, האָט זיך באַ אונדז אין שול באַוויזן אַ באָכערל מיט רויטע בעקלעך. סע האָט זיך געדאַכט, אַז ווען אַ קאַץ גיט אים אַ דראַפּע אין פּאָנים וואָלט געשפּריצט בלוט ווי פון אַ פאָנטאַן. און אַ פּאָר שוואַרצע, לע-בעדיקע און קלוגע אויגן האָט דער ניי-צוגעקומענער שילער געהאַט. און האָר — שוואַרצע ווי פּעך — וואָס זיינען פאַראַקשנטע אים געקראָכן אין די אויגן.

ווען דער לערער האָט אים אַרויסגערופן זיינען אַלע אין שול געבליבן פאַרכידעשטע, ווען זיי האָבן דערהערט אַז ער רעדט אידיש קימאַט אַזוי גוט און פליסיק ווי דער לערער.

בעיים דער פּויזע זיינען די שילער געוואויר געוואָרן, אַז ער הייסט יעקעלע; אַז ער איז ערשט צוויי וואָכן אין אַרגענטינע; אַז

געקומען איז ער מיט זיינע עלטערן און שוועסטערל פון פוילן; אז זיי זיינען א סאך טעג געפאָרן מיט באנען און א שיף ביז זיי זיינען געקומען אהער.

ווען זיי זיינען ארויסגעפאָרן פון דערהיים — האָט יעקעלע דער־ציילט זיינע כאווירים — זיינען דאָרטן געווען גרויסע קעלטן און שנייען, ארויסגעפאָרן זיינען זיי מיט שליטנס.

די קינדער פלעגן, פארגאפטע און נישט אָן קינע, אויסהערן יעקעלעס מאיסעס וועגן זאכן וואָס זיי האָבן נאָר געזען אין קינאָ; שנייען, שליטנס, גליטשן. און די אויגעלעך בא יעקעלעס צוהערער פלעגן זיך מאָדנע צעגלאנצן.

איידער מען האָט זיך ארומגעקוקט האָט שוין יעקעלע גערעדט שפאניש. ער האָט אויסגעלערנט זיינע כאווירים נייע שפילן און זיך שנעל איינגעלעבט מיט זיי. יעקעלע האָט זיך גוט געלערנט און דער לערער כלעגט אים לויבן.

גערופן האָט מען אים אלץ „יעקעלע" — פאר אים קיין צונאָ־מען נישט געהאט ביז...

דאָס איז געווען איינמאָל, ווען דער לערער איז געווען אין א גוטער שטימונג און געהאלטן אין דערציילן מאיסעלעך צום לאכן.

ווערן די שילער נאָך פריילעכער און הויבן אָן מאכן באשטע־לונגען, וואָס ער זאָל דערציילן. און קימאט אלע אַף א מאָל, ווילן ער זאָל דערציילן וועגן כעלעמער נאראָנים.

מאכט דער לערער:

— אז מען זאָגט „כעלעמער" איז שוין איבעריק צו זאָגן „נא־ראָנים", ווייל אויב „כעלעמער" איז שוין בעמיילע „נאראָנים".

און ער הויבט אָן דערציילן איין מאיסעלע נאָכן אנדערן וועגן די כעלעמער יעקעלעך, אז די שול גייט אַף רעדער פונעם געלעכטער. אָן זייטן בלייבט מען פון די כעלעמער יעקעלעכס נארישקייטן.

דער לערער לאכט נישט, שמייכלט נאָר, באטראכט דעם לאכנ־

דיקן קלאַס. מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט, צווישן די אַלע צעפּראַל־טע פון געלעכטער, פּיסקעס, איין פּאָנים — צונטער רויט, צעקרימט פון וויטיק, מיט אַ פּאָר בייזע אויגן וואָס שפּריצן מיט סינע. דאָס איז געווען דער לעצטנס צוגעקומענער שילער יעקעלע.

דער לערער האָט ווייטער דערציילט, דאָס מאָל פון אַ כעלמער יעקעלע וואָס פלעגט כעזשבענען אויף די פינגער.

— מען טאָר נישט רעכענען אויף די פינגער — האָט מען אים געזאָגט — מען דאַרף רעכענען מיטן קאָפּ.

האָט ער געענטפערט:

— איך האָב דאָך נישט מער ווי איין קאָפּ...

ווידעראַמאָל האָט דער גאַנצער קלאַס אַרויסגעשאָסן אַ גרויס געלעכטער.

— אַך, ווי נאַריש עס זיינען די כעלעמער! — לאַכט איינער.

דער לערער, וואָס האָט אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק צו יעקעלען, האָט באַמערקט, ווי יעקעלעס פּויסטלעך האָבן זיך געבײַלט און מיטאַמאָל האָט ער אויסגעשריגן, ווי מיט אַ פרעמד קאָל:

— ס'איז ליגן, אַז די כעלעמער זיינען נאַראָנים!

דאָס געלעכטער איז מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט געוואָרן. דער גאַנ־צער קלאַס איז שטיל געבליבן. אַלע האָבן אויסגעדרייט די פּנימער צו יעקעלען, וועמען דאָס בלוט האָט אַ שלאָג געטאָן אין פּאָנים אַרײַן. יעקעלע איז געווען רויט, פאַרשעמט און ווי דערשעפּט. קיינער פון די שילער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר דער לערער האָט זיך באַלד געכאַפּט. ער האָט פאַרשטאַנען, דער לערער, אַז יעקעלע איז אַ געבוירענער אין דער שטאָט כעלעם (וואָס געפינט זיך אין פּוילן) און דערפאַר איז גרויס זיין פאַרדרוס וואָס אין די מאַיסעלעך שטעלט מען אַרויס, אַז אַלע כעלעמער יעקעלעך זיינען נאַריש.

דער לערער האָט עס באַלד פאַרשטאַנען, האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווי אַזוי יעקעלען צו באַרואיקן.

— יעקעלע איז גערעכט — האָט דער לערער אָנגעהויבן — אַז ס'איז נישט שיין, ווי אַ סאַך מיינען, אַז די בעלעמער זיינען נאַראָנים. אין דער שטאָט בעלעם, ווי אין יעדער שטאָט, זיינען דאָ אי קלוגע אי נאַראָנים. די שיינע מאַיסעלעך וואָס איך דערצייל אייך, זיינען דאָווקע צוזאַמענגעטראָגן און געזאַמלט פון קלוגע מענטשן, מענטשן מיט איינפאַל, און דאָס וואָס מען פאַרופט זיך אָף די בעלעמער, קער זיך גאָרנישט אָן מיט דער שטאָט בעלעם, וואָס איז פאַראַן אין פוילן.

יעקעלע האָט זיך שוין געהאַט באַרואיקט, זיך אַליין פאַרשעמט פאַרן אויסברוך פון קאַעס, וואָס איז אים באַפאַלן, האָט ער געפרעגט:

— פאַרוואָס זשע פאַרופט מען זיך דאָווקע אָף בעלעם? פאַרוואָס נישט אָן אַנדער שטאָט? בוענאָס איירעס? ניו־יאָרק? פאַרוואָס דאָווקע בעלעם? זיצט דאָך אויך אין בעלעם אַ לערער מיט שילער און סע קומען אויך צו זיי אָן זשורנאַלן און ביכלעך, וואו סע דערציילט זיך וועגן זייער נאַרישקייט, וואָס ס'איז נישט שיין.

כאָטש דער לערער האָט שטענדיק געלויבט יעקעלען, אַלס אַ פאָרגעשריטענעם שילער, דאָך איז ער געוואָרן דערשטוינט פון יעקעלעס לאָגישע טאַינעס. און ער האָט אים געפּרוּווט באַרואיקן:

— ווען מען זאָל דערציילן די מאַיסעלעך וועגן בוענאָס איירעס צי ניו יאָרק, וואָלטן מיסטאָמע די אינגעלעך פון די שטעט אויך געפרעגט דאָס זעלבע ווי יעקעלע. אָבער אַ קלוג אינגעלע דאַרף זיך נישט נעמען צום האַרצן דערפון. פאַרקערט, ער דאַרף זיין שטאָלץ וואָס דער נאָמען פון זיין געבורטסשטאָט איז באַרימט אָף דער גאַנצער וועלט און פאַרשאַפט פאַרגעניגן טויזנטער קינדער.

פון ערגעץ, פון די הינטערשטע בענק, האָט זיך צו יעקעלען דערטראָגן אימעצנס אַ זאָג:

— אַפֿילע דער קלוגסטער כעלעמער, בלייבט אויך אַ כעלעמער...

אָבער יעקעלע האָט פֿאַרביסן מיט די ליפּן און שוין גאָרנישט געזאָגט. ס׳האָט אים שוין באַנג געטון אַפֿן גאַנצן אייסעק וואָס ער האָט גאָר אָנגעהויבן.

און סע האָט אים געמעגט באַנג טון, יעקעלע, ווייל פֿון דעמאָלט אָן האָט ער בײַ זײַנע כאַווײרים קיין אַנדער נאָמען נישט, ווי נאָר „דער כעלעמער".

דער לערער קען ניט שרייבן...

מיטיק-צייט. אין דער הילצערנער קיך, וואָס דינט אויך פאר אן עס-צימער, זיצט זעליק פארבער באם טיש און טוט צוויי ארבעטן אף אמאָל: טראָגט דעם גאָפּל הין-און-צוריק צווישן מויל און טעלער, בייסט צו מיט ברויט און די אויגן זיינע זיינען אָנגעשטעלט אין א צייטונג, וואָס איז אָנגעשפּארט אין א סיפאָן.

באם טיש זיצט אויך עטל, זיין פרוי. זי עסט און כאפּט אלע ווילע א קוק צו דער סקאָווראָדע, וואָס שטייט אפן פייער און לאָזט זיך הערן.

זי איז שוין צוגעוואוינט, עטל, אז איר זעליק זאָל שאָענלאנג נישט צונעמען די אויגן פון דער צייטונג. אמאָל פלעגט עס איר ארן, וואָס ער קוקט זיך נישט אום, איצט ארט איר שוין נישט. נאָר איין טאינע האָט זי:

— ווי אזוי קענסטו עסן און לייענען? דו פילסט דען א טאם אין עסן? דו פארדייעסט עס דען?

מיטאמאָל פראלט אויף די טיר. מיט פארפלאמטע בעקלעך פון דער קעלט, אין ווייסן כאלאטל, מיט דער טעקע אונטערן אָרעם, פאלט אריין די זיבניאָריקע כאנעלע און ברענגט אָן א ווינט, א קעלט פונעם קאלטן אינדרויסן.

די ערשטע אַרבעט אירע באַם איבערטרעטן די שוועל, איז אַראָפּשלעפּן דעם שלייף פון קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געוואויגן וועד ווייסט וויפל און זי קען אים שוין נישט דערטראָגן.

כאַנעלעס טאַטע-מאַמע האָבן באַלד באַמערקט, אַז דאָס מאָל איז איר קומען נישט ווי געוויינלעך, נישט ווי יעדן טאָג.

אַלעמאָל, ווען זי קומט אַהיים, נאָך איידער זי טוט אויס דאָס ווייסע כאַלאַטל, ווייזט זי דעם העפט, די נאָטעס, וואָס דער לערער האָט איר געשטעלט — שטענדיק גוטע! — און דערציילט, וואָס דער לערער האָט איר געזאָגט. אַפילע, אַז ער האָט אָנגעשריגן אויף איר, דערציילט זי אויך אַ פריילעכע, גלייך ווי סע וואָלט איר נאָך קומען אַ קניפּ אין בעקל.

— פאַרוואָס האָט דער לערער געשריגן אויף דיר? — פרעגן טאַטע-מאַמע.

— ווייל איך האָב גערעדט באַם לערנען.

זי איז אַ ווילדע און צעלאָזענע, כאַנעלע. לערנען אָבער לערנט זי זיך זייער גוט. אירע העפטן זיינען ריין, האָט אַ קיילעכדיקע האַנט-שריפט און זעלטן, אַז זי שרייבט אַ גרייז.

אירע בריוולעך, וואָס זי שרייבט אירע זיידע-באָבע קיין איי-ראָפּע טראָגט מען דאָרט אַרום אויף כידושים.

שטענדיק, ווען כאַנעלע קומט אַהיים, ברענגט זי אָן מיט זיך אַ ראַעש. אַ געפּילדער, עסט און פּלאַפּלט, דערציילט פון דער שול און טאַטע מאַמע קוועלן אָן פון איר.

איז היינט נישט געפעלן געוואָרן טאַטע-מאַמע כאַנעלעס שטי-לער אַריינקום.

זיך געזעצט צום טיש, ווי אַ באַליידיקטע, מיט אַן אַראָפּגעלאָז-טער נאָז, אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

דער ערשטער, וואָס האָט איבערגעריסן די אָנגעצויגנקייט, איז געווען כאַנעלעס טאַטע:

— וואָס פאַר א נאָטע האָט מען דיר היינט געשטעלט, כאַנעלע?
כאַנעלען איז געבליבן שטיין דער ביסן אין מויל, טרערן האָבן זיך אריינגעקייקלט אין טעלער אריין און זי האָט זיך צעוויינט.

— וואָס איז געשען? — האָבן זיך אירע טאַטע-מאַמע דער־שראָקן און נישט געוואוסט, ווי זי איינצושטילן.

— אז דער לערער קען נישט שרייבן, בין איך שולדיק — האָט כאַנעלע געוויינט.

האָבן זיך טאַטע-מאַמע איבערגעקוקט, דערנאָך אריינגעקוקט אין איר העפט, וואו סע איז אויף יעדן בלעטל אָנגעשריבן מיט רויטע טינט „זייער גוט", נאָר אפן לעצט-פארשריבענעם בלעטל — „שלעכט".

אין שול האָט דער לערער דיקטירט די קינדער דאָס לידל „די מישפאָכע", האָט כאַנעלע געשריבן:

„ד י מ י ש פ אָ כ ע"

„מיך רופט מען זאלמען,
דער טאַטע הייסט קאלמען,
דער ברודער הייסט זאָרעך,
דער זיידע הייסט באָרעך..."

האָט דער לערער געפונען אין יעדער שורע א גרייז: מיש־פאָכע, שרייבט מען אזוי: משפחה; קאלמען דארף מען שרייבן אָן א „א" און אָן א „ע", אזוי: קלמן. אזוי אויך — זלמן; ברוך אָנשטאָט באָרעך און זרח אָנשטאָט זאָרעך.

האָט כאַנעלע געמיינט, אז דער לערער שפאסט.

— ווער זשע וועט עס קענען לייענען? — האָט כאַנעלע גע־לאכט צום לערער.

און וויפל דער לערער האָט מיט איר נישט איינגעטיינעט, האָט זיך כאַנעלע געהאלטן בא אירם.

װען דער לערער האָט איר געשטעלט אַ שלעכטע נאָטע, האָט כאַנעלע אַלײן נישט פֿאַרשטאַנען, װאָס סע קומט פֿאַר מיטן לערער. זי איז געװען זיכער, אַז זי איז גערעכט.

װען די קינדער זײַנען אַרױס פֿון שול, װי דער שטײַגער איז, מיט ראַש און געפּילדער, איז כאַנעלע די שטענדיקע פּלאַפּלערקע, די באַרײדעװדיקסטע פֿון אַלע קינדער, געגאַנגען שטיל, װי אָנגעברױגעזט אױף דער גאַנצער װעלט. זי האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן פֿון דעם אומרעכט, װאָס איז קעגן איר באַגאַנגען געװאָרן.

און ערשט אינדערהײם האָט זי אױסגעלאָדן איר פֿאַרדרוס אין אַ געװײן:

— אַז דער לערער קען נישט שרײַבן, בין איך שולדיק!

וועו איך בין שאָלעם אַלייכעם...

אז איר וועט פארבייגיין אונדזער שול און הערן ווי אינעווייניק גייט דער קלאס כאָדאָראָם און איר וועט הערן, אז אינעווייניק איז א גרוים געלעכטער, זאָלט איר וויסן, אז דאָס לייענט אונדז דער לערער א מאיסע פון שאָלעם אלייכעמען.

דעמאָלט איז קעדאי א קוק צו טאָן דורכן פענצטער און זען וואָס דאָרט טוט זיך: דער גאנצער קלאס זיצט אָף די בענק, וואָס זיינען נענטער צום לערער, צו דריי, צו פיר אָף א באנק, קעדיי נישט אויסצולאָזן א וואָרט פון דעם, וואָס ער לייענט. אלעמענס פּענימער — פול פרייד, מיילער — ברייט צעעפנטע און יעדערער מיט זיין געלעכטערל, יעדערער מיט זיין קוויטשיקל. אפילע דער לערער אליין, וואָס אן אנדער מאָל קומט ער אָפּ נאָר מיט א שמייכל, לאכט אזוי שטארק, אז ער מוז אלעמאָל איבערייסן דאָס לייענען.

אַזוי טוט זיך עס בא אונדז אין קלאַס, ווען דער לערער לייענט שאָלעם אַליכעמס מאַיסעס.

דעמאָלט טראַכט איך:

„אַך, ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך בין אַ שאָלעם אַליכעם"!

וואָס, מיינט איר, וואָלט געווען ווען איך בין אַ שאָלעם אַלייכעם? — גאָרנישט וואָלט געווען! איך וואָלט נאָר באַשריבן.

וועמען באַשריבן? — וועמען נישט! אַלעמען וואָלט איך באַשריבן און צו אַלעם ערשטן טאַקע די כאַווייירים מיינע.

איך וואָלט, אַ שטייגער, באַשריבן מיין כאַווער אידל „מיקראָב", וואָס האָט אַ פּאָנעם פול מיט קלייען און ווי קליין ער איז, אַזוי לערנט ער בעסער פון אַלע.

אַנומלטן האָב איך זיך געפּוילט צו באַרעכענען די אַריטמעטישע אויפגאַבע, וואָס מען האָט אונדז אויפגעגעבן. בעט איך אים: „מיקראָב", לאָמיך איבערשרייבן די אויפגאַבע פון דיין העפט".

מיינט איר, עפשער, אַז ער האָט מיך נישט געגעבן איבערצושרייבן? יאָ, געגעבן האָט ער מיר יאָ, נאָר אַ שלעכט-געמאַכטע.

איז דאָס נאָך ווייניק, האָט ער זי פאַר זיך דאַווקע גוט געמאַכט.

איך האָב זיך נאָך געשעמט צו דערציילן, האָב איך זיך.

נו, און „פּיזשעלען", מיינט איר, וואָלט איך נישט באַשריבן? ווי ער מאַכט שטענדיק מיט דער צונג, ווי ער וואָלט זיך האַלטן אין איין באַלעקן.

פאַרוואָס אים?

דאָס איז געווען אַן אַנדערש מאָל. איך האָב נישט צוגעגרייט די אויפגאַבע. בין איך געקומען אין שול אַריין מיט אַ פאַרבונדענעם פינגער, ס'זאָל הייסן, אַז דערפאַר וואָס סע טוט מיר ווי אַ פינגער,

האָב איך נישט געקענט שרייבן. און ס׳וואָלט אויך געווען אָפּגע־גאַנגען גלאַט, האָט זיך, אָבער „פּיזשעלע״ אַזוי צעהילכט מיט זיין קוויטשיקל, אַז דער לערער האָט זיך באַלד געגעבן כעזשבן און אויסגעגנוצט די געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט מיר פאַר אַ צווייט מאָל:

— און אַף צו שרייבן נאַרישקייטן אויפן טאָוול, טוט דיר גאָר קיינמאָל נישט ווי דער פינגער?

איך וואָלט אויך באַשריבן אונדזער הינטל „נאַכעס״ מיט זיינע קונצן, וואָס ער מאַכט; און אונדזער קאַץ, וואָס איז אַזוי גראָב, אַז דער בויך אירער רירט שיר נישט אָן די ערד. מיר רופן זי „פייגע לייע״ (טאַקע אַ נאָמען נאָך פייגע-לייע די גאַבעטע פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס״).

און ווייטער וואָלט איך באַשריבן מיין טאַטן, וואָס כאַפּט זיך אַלעמאָל צו אַנדערע פּאַרנאָסעס און אַלץ גייט בא אים מיט דער פּוטער אַראָפּ: גייט ער אַרוים פאַרקויפן אייז-קרעם, הויבט אָן ־עגענען, נעמט ער האַנדלען מיט שירעמס, ווערט אַ טרוקעניש. אַזאַ מאַזל האָט ער שוין, אַז אַלץ גייט אים קאַפּויער.

איך וואָלט אויך באַשריבן מיין מאַמען, וואָס איז שטענדיק פאַרזאָרגט, זעלטן אַז זי גיט אַ שמייכל. אַפילע בעיים אַ סימכע וויינט זי אויך.

איך וואָלט זיי אַזוי באַשריבן, ווי שאָלעם אַלייכעם, אַז כאָטש ס׳איז טרויעריק, זאָל מען זיך קאַטשען פאַר געלעכטער. איך וואָלט עס טאַקע פאָרגעלייענט פאַר זיי. מיין מאַמעס גערונצלט פּאָנים וואָלט זיך אַף אַ ווילע אויסגעגלייכט און עפּשער וואָלט זיך טאַקע אַ שמייכל באַוויזן.

מייז טאַטע? — איך שטעל זיך פאָר ווי ער הערט מיך לייענען. דער עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אויפן טיש, נעמט ער אַריין אין זיין גרוי־סער פאַרהאַרטעוועטער דלאָניע זיין פאַרוואַקסענע און שטעכיקע

גאָמבע און די אויגן זיינע קוקן ערגעץ ווייט, ווייט. ער פאַרגעסט אין זיינע זאָרגן. ער ווערט פאַרטראָגן אין אנדערע וועלטן.

...וועגן וואָס, א שטייגער, זאָל ער איצט טראַכטן מיין טאַטע?

וואָס האָט איר צו קלערן, סע וואָלט אוואַדע גוט געווען צו זיין א שאָלעם אַליכעם.

זאָגט מען, אָבער, אז קעדיי צו זיין א שאָלעם אַליכעם, דאַרף מען א סאַך לערנען און לייענען. זעט איר, דאָס איז שוין אביסל טרויעריק.

אדעראבע, זאָגט איר אליין, ווי אזוי קען מען פריילעך מאַכן יענעם ווען אפן האַרצן איז אזוי נישט פריילעך...

אינהאַלט

	זייט
באַגלייט-וואָרט פון צאַלעל בליץ	7

אין דער נאַרער וועלט

דעם שרעטעלעס כאַלעם	15
די גרענעץ	19
דער שוסטער באַ זיין ארבעט	23
אַ מאַיסע מיט אַ קעניג	28
האָפענונג	34

אונדזער קליינוואַרג

נאַכעם	39
אַ מאַיסע מיט אַ זייגערל	41
קריינדעלע און שיינדעלע	44
פוטבאָל	47
אין אַ ווינטערדיקן אָוונט	52
אַוורעמעלע שפּאָרט געלט	58
אָן זון	61
ליקעכאַמע	64
ראַדיאָ	67
אַ לופט-רייזע אין... טראַמוויי	73

	זייט
רעזשעם	79
וואָס שיינדעלע האָט ליב	84
אין אַ זונטיק אינדערפרי	86
אין גאָרטן פון די כאַיעם איז רואיק...	90

אין שווערע צייטן

מילכאָמע	99
אין שפּאַניע	105
באַ די פּאַרטיזאַנער	108
כאַווײרים	114

באַ אונדז אין שול

כאַנעלע	121
דער בעלעמער	126
דער לערער קען ניט שרייבן...	132
ווען איך בין שאָלעם־אַלייכעם...	136

☆

דערשינען אין בוענאָס איירעס,
אין מאָנאַט יולי 1945, אין
דער דרוקעריי „אָפּטימוס".